Lodzer Tageblat № 162

Opłata pocztowa uiszcz. ryczałtem

פרייז 15 גראשען

לאדזשער טאגעבלאט

היינט 6 זייטען.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פיעטריקאווער 16.
טעלעפאנען פון: רעדאקציע 100-57, פון אדמיניסטראציע 100-47

מיטוואך, ט' תמוז תרצ"ב | 13 lipca 1932 | 25-טער יאהרגאנג

בערלינער אוניווערזיטעט געשלאסען
צוליב די אנטי-יודישע עקסצעסען פון די היטלעריסטען

בערלין, 12. יולי (יט"א) היינט פארמיטאג האבען אויפ'ן בערלינער אוניווערזיטעט אויסגעבראכען אנטיסעמיטישע עקסצעסען.

היטלעריסטישע סטודענטען האבען געווארפען די בעשולדיגונג אויף יודישע סטודענטען, אז זיי האבען צוגעריסען דעם האקען קרייץ פון דער אנדענקונגס מאוועל לכבוד די געפאלענע סטודענטען אין דער מלחמה. די היטלעריסטען האבען מיט'ן געשריי „יודען פירעקט" זיך געווארפען אויף די יודישע סטודענטען און זיי מערדערליך געשלאגען. עטליכע יודישע סטודענטען זענען פערוואונדעט געווארען. לויט א פעראָרדנונג פון דער מאכט איז די אוניווערזיטעט געשלאסען געווארען, וואהרשיינליך שוין ביז'ן סוף סעפטעמבער.

עס הערשט די אלגעמיינע איבערצייגונג, אז דאס איז א אנטי יודישע פראוואקאציע מצד די היטלעריסטען.

אויך אויפ'ן בערלינער פאליטעכניקום איז די לאגע זעהר געשפאנט.

די ארדנונגס-היטער זענען ערשינען מיט האקען-קרייצען און עס איז נישט פעסטגעשטעלט געווארען די בעשיידיגונג פון די ארדנונגס-היטער.

העריא רייסט איבער מיט די סאציאליסטען

פאריז 12. יולי (ספ.) די זיצונג פון פארלאמענט וואס האט זיך אנגעהויבען נעכטען נאכט, האט זיך געצויגען א גאנצע נאכט און היינט 8 פריה זענען די דעבאטען נאך פארגעקומען.

אויף דער טאג-ארדנונג איז געשטאנען דער פינאנץ-פראיעקט פון דער רעגירונג.

די גרעסטע דיסקוסיע האט ארויסגערופען דער פארשלאג פון לצאן בלום, אז צוליב בודזשעט-איינשפארונגען זאלען היי-יאהר נישט פארקומען קיין איבונגען פון דער פראנצויזישער ארמעע.

דער פרעמיער האט קאטעגאריש ערקלערט, אז די רעגירונג וועט קיינמאל נישט מסכים זיין אויף אפצושאפען די רעזעו ווי־סטען-איבונגען. נאך א לאנגער דיסקוסיע איז 1,50 פארטאג פארגעקומען די אפשטימונג. דער סאציאליסטישער פארשלאג איז אפגעווארפען געווארען מיט א מעהרהייט פון 181 שטימען.

וועט ענגלאנד צוריקקעהרען צום גאלד-פאריטעט?

לאנדאן, 12 יולי (ספעצ.) „דיילי הערלד" גרייפט שטארק אן דעם גובערנאטאר פון דער ענגלישער באנק נארמאן. וועלכער האט אויף א זיצונג פון דער אינטערנאציאנאלער באנק געשטימט פאר צוריקקעהרען צום גאלד-פאריטעט.

אטענטאט אויף דער מאנדזשורישער קאמיסיע פון פעלקער-בונד

לאנדאן 12. יולי (ספ.) די יאפאנישע מאכט האט ארעסטירט אין דיירען צוויי קאמוניסטען, וועלכע האבען געפלאנט אן אטענטאט אויפן פארזיצער פון דער מאנדזשורישער פעלקער-בונד-קאמיסיע.

הובער געגען ארבייטסלאזע שטיצע

וואשינגטאן, 12 יולי (ספעצ.) פרעזידענט הובער האט געדראהט זיין וועטא אויפ'ן געזעץ פון קאנגרעס וועגען אסיגנירען 2122 מיליאן דאלאר פאר ארבייטסלאזע.

גרויסער האגעל איבער ראדאמסק
שאדען בעטרעפט 150.000 זל.

ראדאמסק, (טעלעפ.) נעכטען אין ווייטער 5 נאכמיטאג איז דא אראפגעפאלען א גרויסער האגעל. דער האגעל האט פארניכטעט א גרויסע צאהל תבואה אויף די פעלדער. דער שאדען בעטרעפט 150.000 זל. (§)

ארבייטסלאזע-ארמעע מארשירט אויף אינסברוק

ווין, 12 יולי (ספעצ.) א גרויסע צאהל ארבייטסלאזע האט אויפגענומען א מארש אויף אינסברוק. אפטיילונגען פאליציי האבען צוטריבען די מארשירענדע.

באטא אומגעקומען בעת א עראפלאן-קאטאסטראפע

פראג, 12. יולי (ספ.) אין דער נאהענט פון ז'לין איז היינט פריה פארגעקומען אן עראפלאן-קאטאסטראפע, בעת וועלכער עס איז אומגעקומען דער משעכישער בערימטער שיך-פאבריקאנט באטא.

באטא האט געדארפט פרעה צו פליהען קיין שווייץ. דער עראפלאן איז אראפגעפאלען פון א הויך פון 700 מעטער אין דער נאהענט פון פליה-פלאץ.

דער לופט-פליהער איז געשטארבען אויפ'ן ארט. באטא איז געשטארבען פון די וואונדען אויפ'ן וועג צום שפיטאל.

נייער סאלווע. אויפ'ן מארק איז דאן געבליבען ליגען איין טויטער און איינער פערוואונדעטע זענען צוויי געשטארבען אין שפיטאל.

די פראקוראטור פיהרט א דורך אן אויספארשונג.

§

דער ראש פון באטא'ס טויט

פראג 12. יולי (ספ.) די ידיעה וועגען טויט פון שיך-פאבריקאנט באט'א האט געמאכט אין וויען און דער אומגעגענד א דערדריקענדען ראשם אלע ארבייטער אין די פאבריקען איז צוריקגעהאלטען געווארען, די ידיעה איז איבערגעגעבען געווארען דורך די פאבריק-סירענעס.

איינגע לעבענס-שטריכען פון טאמאש באטא

וויען, 12. יולי ספעצ.) טאמאש באטא איז געבוירען אין 1976 אלס זוהן פון אן ארימען שוסטער אין ז'לין. ער האט זיך אויסגעלערנט שוסטעריי ביי זיין פאטער און דאן אליין זיך איינגעארדענט א קליינע שוסטער-ווערקשטעל.

אין 1904 ברענגט ער צום ערשטען מאל א מעכאנישע מאשין, וואס פערמעט די האנד-ארבייט. ער האט אבער געשטרעבט צו עפעס גרעסערעס. צוזאמען מיט איינגע בעסערע מיטארבייטער פאהרט ער קיין אמעריקא כדי צו ספעציאליזירען זיך אין מעכאניזאציע פון דער שיך-אינדוסטרי.

ער ארבייט אלס געווענליכער ארבייטער, גישט אויסגעבענדיג זיין נאמען. צוריקקומענדיג פון אמעריקא גרינדעט ער אין אסטריקאוויץ די ריזיגע פאבריקען, וואס האבען אויפגעטרייסעלט מיט דער שיך-אינדוסטריע אין גאנץ אייראפא.

באנקעט לכבוד סאקאלאוו'ן

לאנדאן, 12 יולי יט"א (טעלעגר.) היינט איז אין אמער פון די גרויסע זאלען אין לאנדאן פארגעקומען א אקאדעמיע לכבוד נחום סאקאלאוו. מיט רעדעס זענען ארויסגעטרעטען פראפ. בראדעצקי א. א.

ערנסטע לאגע אין בעלגיען
קיין גענעראל-שטרייק וועט נישט זיין

ברוסעל, 12 יולי (ספעציעל) די ארבייטער-פארטייען און די פראפעסיאנעלע פעראייניגען האבען בעשלאסען דערוויייל אפציהאלטען פון אנהויבען א גענעראל-שטרייק. דער מצב אין די שטרייק-געגענדען איז פולשטענדיג בעהערשט דורך מיליטער. עס זענען פארגעקומען פיל ארעסטען צווישען קאמוניסטען. איבער די בעדראהטע געגענדען פאטראלירען אעראפלאנען.

בלוטיגע געשעהענישען אין יאדאוו
1 טויטער און 3 פאליציאנטען פערוואונדעט

ווארשא, 12. יולי (טעלעפ.) אין שטעטעל יאדאוו הינטער ראדזימין זענען נעכטען פארגעקומען בלוטיגע געשעהענישען. לויט די אפיציעלע ידיעות איז דער פערלויף פון די געשעהענישען געווען פאלגענדער.

לויט א נייעם צעט האט די שטאט-פערוואלטונג ערהעכערט דעם ראגאטקע אפצאהל אויף די ארייננפאהרענדע פיהרע ביז 2.50 זל., וואס האט ארויסגערופען גרויס אונצופרידענהייט צווישען די שכנות'דיגע פויערים. אזוי, ווי די פויערים האבען נישט צו בעצאהלען די נעהעכערטע אריינפאהר-אפצאהלונגען, האט די פאליציי בעקומען א פעראָרדנונג נישט אריינצולאזען זיי אין שטאט.

ווען פאר'ן אריינפאהר האבען זיך שוין פערזאמעלט א גרעסערע צאהל פיהרען, האט דער פאוויאטאווע סטאראסטע ערקלערט די פויערים, אז זיי מוזען בעצאהלען די סטאוקעס, אין נעגענפאל וועלען צוזאמענגעשטעלט ווערען פראטאקאלען. דאן דאס סטאראסטע פעראָרדענט אריינצולאזען אלע פויערים צום יריד. אויפ'ן מארק האבען מעהרערע טענס פויערים בעצאהלט דעם אריינפאהר-שטייער. ארום 3 נאכמיטאג האבען זיך צווישען די פויערים בעוויזען אגיטאטארען, וועלכע האבען אויפגעהעצט צו ארויסטרעטונגען קעגען דער פאליציי. די פערזאמעלטע האבען אנגעגריפען די פאליציי מיט רעוואלווער־שאסען און בעווארפען מיט שטיינער, פון וואס איין פאליציאנט איז שווער פערוואונדעט געווארען. צוויי האבען בעקומען לייכטע וואונדען.

דער ארטיגער פאליציי קאמענדאנט האט דאן, נאך א דרייטמאליגער ווארנונג אין נאך אבגעבען א סאלווע אין דער לופט, ארויסגעגעבען א בעפעהל צו א

ניעס ניעס
היסטארישע ערשיינונג

די ערשטע פער איינציגטע אויסגאבע דער וועלט
דער
תלמוד בבלי
עם
תלמוד ירושלמי

געשלאסען אין קליינעם פארמאט אי, 6 און 12 פראכט-בענדער מיט גרויסע טיף-שווארצע אותיות מרובעת פון דער שטארקסטער פאטאגראפישער רעפראדוקציע אויף דער וועלט, אויפ'ן בעסטען ריין, ווייסען, דויערהאפטען זיידען-פאפיר, מיט כל הטפרשים.

איצט ערשינען:
צו בעקומען:
נור אין דער בוכהאנדלונג „קולטורא"
(אפטיילונג ספרי קודש) פיעטריקאווער 50.

בעמ.: צוליב דעם צופרידענשטעלען פון די ג' געסט האבען מיר אנגאזשירט דעם לאנגיעהריגען קוכמייסטער פון „פיקאדילי" מיר טמפפעהלען די בעסטע אורעבדבריטען צו קאנקורענץ-פרייזען ערשטקלאסיגע און שנעלע בעדינונג!

מאכט בעקאנט, דאס צוליב'ן פאלען פון די פרייזען פון געפליגעל זענען די פרייזען פון היינט אן רעדוצירט געווארען
א מיטאג מיט געפליגעל 1.75 זל.
ס'ווערט געבעטען די ג' געסט זיך איבערצייגען!

Bar „Rogożyka" Zielona 11 tel. 189-14
כשר
ערשטקלאסיגע און שנעלע בעדינונג!

בעקאנטמאכונג.
מיר פאשארניצע-בעזיצער מאכען בעקאנט די לאדזער בעפעלקערונג, דאס פעטע גענז מיט בלאמבעס היגע שחיטה פון לאדזער ראבינאט איז צו בעקומען אין די האלעס און געוועלבער
אויף נארמאלע פרייזען.
מיט אכטונג
די פאשארניע-בעזיצער אין לאדז.

מודעה מהרבנות
אזוי ווי נאך שווערע מיה איז געלונגען איינצופיהרען ארדנונג אין די גע שחט'ענע געגנז און הינער, מ'זאל וויסען, אז עס איז נאר כשר, וועלכעס האט א בלייכענע בלאמבע אויף די פאלקע מיט די אויפשריפט כשר לאדז. אויפגעזיכט ראבינאט ועד הכשרות, יעצט האט זיך ווירער פערשפרייט גע'שחט'ענע עופות אהן בלייכענע בלאמבע זענען מיר שטרענג מוהיר, אז אהן בלייכענע בלאמבע איז נבלה וטרפה, און יעדער יוד זאל אנזאגען מ'זאל נישט קויפען אהנע בלאמבע ער. זאל נישט נכשל ווערען אין עסען טרפות און די כלים ווערען טרפה, אז מ'וועט שטרענג אפהיטען וועט מען זיין זיכער, אז מ'עסט כשר.
לאדזער ראבינאט עם ועד הכשרות
בעמערקונג: קיין שום קצב און גענזלער זאל נישט האבען אין זיין געוועלב עופות אהן בלאמבע. געגענפאלס וועט מען מפרסם זיין, אז ביי איהם טאר מען נישט קויפען אלס כשר.

Sanatorjum „PALACE"
פאר דערוואקסענע און קינדער
אין כעלמי (הינטער לאדז)
נעמט אן ליידענדע אויף אלערליי קראנקהייטען און רעקאנוואלעסצענטען. אויפזיכט פון דאקטוירים ספעציאליסטען, ערצטליכע הילף, הייל-בעדער, טאראסען צו זון-לופט-בעדער, ווצראנדעס פאר לעזשאקעס, הייל-גימנאסטיק און אטעם. טעניס-שפיל און אנדערע פערוויילונגען. לויפענד וואסער אין די צימער, שיינע געגענד אין סאסנאווער וואלד
--- אידעעלע אפרוהע-בעדינונג. ---
Dyrektor Dr. Rakowski

ד"ר מעד בערמאן
ספעציאליסט פאר הויט און ווענערישע קראנקהייטען און מענער-שוואכע
צעגעלניאנא 45. טעלעפאן 149-07
נעמט אן פון 8 – 11 פארמ. און פון 4 – 8 אווענד
זונטאג פון 9 – 1 נאכמיטאג.
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזען

לעזט און אבאנירט דאס
„לאדזער טאגעבלאט"

רעשטען
ביי Szczęśliwy
נאוואמיעסקא 5 פראנט 2. שטאק
ווארנונג!
געעהרטע קונדען! אזוי ווי איהר קומט אויף נאוואמיעסקא 5 ווערט איהר פערפיהרט פון אנדערע סוחרים, וואס זיי זאגען, אז זיי הייסען שטשענשליווי זייט דעריבער אויפמערקזאם און געדענקט די אדרעס פראנט 2 שטאק וואו איהר בעקומט ביליגער טאמאשאווער און אנדערע סחורות. די בעסטע קוואליטעטען, די נייעסטע און מאדערנסטע מוסטערן
אויף אנציגער און פאלטענס
מיט 30% ביליגער
קומט און איבערצייגט אייך!
מיט אכטונג: SZCZĘSLIWY
Nowomiejska 5 front II piętro

גאלד, בריליאנטען
און לאמבארד-קוויטענצ
צאהלט די העכסטע פרייזען
איזידאר פיאלקא, פיעטריקאווער 7

מיין ליבען פעטער
פנחס בוכוויץ
צום פדיון הבן פון זיין זונדעלע פייוועל ווינש איך א הארציגען מזל טוב.
אפרים פלאטער.

בריף-איבערזעצונגען
פון פערשידענע שפראכען: ענגליש, פראנצויזיש, רוסיש, דייטש, און אנדערע אויף יודיש, פויליש און פערקעהרט
מ. קרזעפיצקי. פאמארסקא 4,
(ביים צאהן-ארצט ר. קרזעפיצקא)
נעהמט אן פון 9 פריה ביז 7 אווענד
טעלעפאן 206-53.

Dr. med. H. Różaner
ספעציאליסט פון הויט- און ווענערישע קראנקהייטען
מענער-שוואכע און קינדערלאזיגקייט
נארוטאוויטשא 9, טעל. 128-98
נעמט אן פון 8–10, 4–8 אוו. זונטאג פון 9–10 פריה

די וועלט-ווירטשאַפט אויף א נייעם וועג

מאַקדאָנאַלד׳ס רעדע אין ענגלישען פּאַרלאַמענט וועגען לאָזאַנער טראַקטאַט

לאָנדאָן, 12. יולי (ספ.) אויף דער הייטיגער זיצונג פון פּאַרלאַמענט האָט מאַקדאָנאַלד אָפּגעגעבען אַן ערקלערונג וועגען דער לאָזאַנער קאָנפערענץ. דער פּרעמיער האָט ערקלערט, אַז לאָזאַן און די דאָרט-ערצילטע רעזולטאַטען וועלען דערפיהרען צו א רעגולירונג פון די רעפּאַראַציע-פּראָבלעמען, וואָס האָבען ביז איצט געשטערט די נאָרמאַלע ווירטשאַפטליכע ענטוויקלונג.

מאַקדאָנאַלד איז אין דער מיינונג, אַז די איצטיגע פערשטענדיגונג וועט שוין נישט צושלאָגען ווערען, ווייל, ווען עס וואָלט געדראָהט א געפאַהר און עס וואָלט נאָר געווען א האָפנונג צו ראַטעווען, איז די ענגלישע רעגירונג גרייט אַריינצוציהען אַפילו פון פאַהר.

איך וויל פערשטעלען ווי אַמקלאָר-טמען, אַז דער גאַנצער לאָזאַנער פּראָיעקט בעשטעהט אין בעזייטיגען די שווערע רינקטמען אויפ׳ן וועג צו א פערשטענדיגונג צווישען די פעלקער.



אַ סצענע אין בערלין, ווען מ׳וואַרט אָפּ די אַמעריקאַנער לופט-פליהער גריפין און מאַטערן.

10-טער ציוניסטישער צוזאַמענפאָהר אין טשעכאָסלאָוואַקיי

פּראַג (י.ט.א.) דער 10-טער ציוניסטישער צוזאַמענפאָהר אין טשעכאָסלאָוואַקיי, וועלכער איז נאָר וואָס געשלאָסען געוואָרען, האָט אָנגענומען א רייהע בעשלוסען וועגען דער ציוניסט. אַרבייט אין לאַנד און אין א"י. עס איז בעמערקענסווערט, אַז הגם די רעוויזיאָניסטען האָבען זיך נישט בעטייליגט אין צוזאַמענפאָהר זענען זיי אָבער געווען אָנוועזענד אַלס געסט און האָבען אויך אָנטיילגענומען אין די בעראַטונגען פון די קאָמיסיעס, די רעוויזיאָניסטען האָבען בעטאָנט, אַז זיי זענען גרייט זיך צו בעטייליגען אין טעריטאָריאַל-פערבאַנד, אויב דער אַקציאָנס-קאָמיטעט וועט זיי אָנערקענען פראַקציאָנס-רעכט. בנוגע דעם טעריטאָריאַל-פערבאַנד איז בעשלאָסען געוואָרען צו שאַפען אַזאַ אינסטיטוציע. גלייכצייטיג דאַרף אויך געשאַפען ווערען א קערפערשאַפט, וואָס זאָל קאָאָרדינירען די לאַנד-פּאָליטיק און אַלע נאַציאָנאַלע גלות-פראַגען. דער צוזאַמענפאָהר האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין משך פון די פערגאַנגענע 2 יאָהר זענען געזאַמעלט געוואָרען 8 מיליאָן קראָנען פאַר ארץ-ישראל. עס ווערט אויך געפאָדערט א גרעסערע צאָהל סערטיפיקאַטען פאַר טשעכאָסלאָוואַקישע חלוצים. א בעזונדערע רעזאָלוציע ווענדעט זיך צו דער טשעכישער עפענטליכקייט נישט צו האָבען קיין שום בעגרענצונגען פאַר די אויסלענדישע סטודענטען, וועלכע שטודירען אין טשעכאָסלאָוואַקיען.

צום סוף איז געוועהלט געוואָרען א נייע לייטונג מיט ד"ר ראָפּאַפּאָרט בראש.

דער פערבאַנד פון געז. יודישע פראַנט-זעלנער אין פראַנקרייך פאַר׳ן יוד. וועלט-קאָנגרעס

פּאַריז (יט"א) דער פערבאַנד פון געוו. יודישע פראַנט-זעלנער אין פראַנקרייך האָט בעשלאָסען זיך צו בעטייליגען אין דער קאָנפערענץ, וואָס איז גערופען געוואָרען קיין זשענעווע וועגען א יודישען וועלט-קאָנגרעס.

א נייע יודישע צייטונג אין פּאַריז

פּאַריז (יט"א) ווי מען טיילט מיט, וועט פון 1-טען אָקטאָבער אָן אָנהויבען צו ערשיינען אין פּאַריז א נייע יודישע צייטונג אונטער דער פּאָליטישער רעדאַקציע פון מעלניק און דער ליטעראַרישער לייטונג פון זלמן שניאור.

יוזעף פּאַפּאַלעק פערמשפּט צו טויט-שטראָף

סענסאַציאָנעלער פּראָצעס פון אַל-קאַפּאָנעס שותּף און זיין באַנדע פאַר׳ן שנעל-געריכט אין קאַליש

קאַליש 12. יולי (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אין הייגען קרייז-געריכט איז היינט פאָרגעקומען דער שנעל-געריכט נעגען מיטגליד פון אַל קאַפּאָנע׳ס באַנדע, דעם געפעהרליכען באַנדיט פּאַפּאַלעק וועלכער גראָ וועלכער האָט אָנגעפיהרט א גאַנצע רייהע באַנדיטען-איבערפאַלען און א לאַנגע געהאַלטען אין שרעק די גאַנצע אומגעגענד.

דאָס שנעל-געריכט איז פאָרגעקומען אונטער פאָרזיץ פון וויצע פּרעזעס פון קאַלישער קרייז-געריכט ריכטער קאַטשקאָווסקי, בעשולדיגט האָט וויצע-פּראָקוראָר גזאָווסקי אַלס פערטיידיגער זענען אַרויסגעטרעטען די אַדוואָקאַטען: אַנדזשעיעווסקי, ניימאַן און וורובלעווסקי.

אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק זענען געזעסען אויסער דעם הערשט פון דער באַנדע, דער 44 יעהריגער יוזעף פּאַפּאַלעק, זיין ברודער דער 22-יעהריגער קאַזשימיעזש פּאַפּאַלעק און זייער שותּף פּראַנטישעק מאַטשקאָווסקי 24 יאָהר אַלט.

דער אונטערזוך צום שנעל-געריכט איז געווען א געוואַלדיגער. דאָס געריכט איז געווען געפּאַקט פון מענשען. אין געריכט זענען אָבער אַריינגעלאָזט געוואָרען בלויז אַזוי פיל, וויפיל עס זענען פאַראַן פּלעצער. א גרויסער המון איז דערינען געבליבען שטעהן פאַר׳ן בנין, וואו פּאָליציי און רייטער-פּאָליציי האָט געהיטען די אָרדנונג.

דער בעשולדיגונגס-אַקט רעכענט אויס דעם גאַנצען צעטעל חטאים, רויב- און מאָרד אָנפאַלען, וואָס די באַנדע האָט אין משך פון איניגע חדשים אויסגעפיהרט, און צווישען אַנדערע אויף יודישע סוחרים, אויף וועלכע זיי זענען בעפאַלען מיט רעוואָלווערן און עקספּראָפּרירט געלד דראָהענדיג מיט טויט.

אין דעצעמבער 1931 זענען די באַנדיטען בעפאַלען א געוועלב אויף סטאַ-[illegible] [illegible] מאַסקירטע אין [illegible] רעוואָלווערן אין די הענט האָבען זיי [illegible] [illegible] 300 זל. [illegible]

דעם 16. פעברואַר 1932 [illegible] [illegible] [illegible]. זיי האָבען א [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible].

אין מערץ 1932 זענען זיי בעפאַלען דעם יודישען געוועלבער יחיאל טאַפּעטש (נאָווא 19), זיי האָבען צוגענומען 500 זל. און אַנטלאָפען.

דעם זעלבען טאָג האָבען זיי אויך אויסגעפיהרט אַן אָנפאַל בייַ טאַפּעטש׳ס שכן אויף נאָווא 20, וואו זיי האָבען צוגערויבט סחורות אויף א גרעסערע סומע געלד.

אין מאַי דאָס יאָהר האָבען זיי זיך געלאָזט אויף די וועגען ראַבעווען דורכ-פאָהרענדע סוחרים. ביים גאַסקוב, דיינ-מער ראשקוב זענען זיי בעפאַלען א פוהר מיט יודישע סוחרים, וועלכע זענען דאָן צוריקגעפאָהרען פון א יריד. אויף דער פוהר האָבען זיך געפינען 9 יודישע סוחרים. די באַנדיטען האָבען זיי צוגע-שטעלט די רעוואָלווערן און געפאָדערט אַוועקצוגעבען זיי דעם פּדיון פון יריד.

גראָד זענען דאָן אַרורכגעפאָהרען אויף ראָווערען די 2 פונקציאָנערען פון דער גרענעץ-וואַך גראַבאָווסקי און וורובלעווסקי. זיי זענען דאָן געקומען צו הילף די בעפאַלענע יודישע סוחרים. עס איז ענט-שטאַנען א גענענזייטיגע שיסעריי, בעת וועלכער עס ווערען אַפּגעגעבען געוואָרען ביז 50 שאָסען. אין רעזולטאַט איז דער פּאָליציאַנט גראַבאָווסקי געפאַלען טויט פערוואונדעט געטראָפען פון די באַנדיטען. דער יודישער פּיגרמאַן משה עהרליך איז געוואָרען שטאַרק פערוואונדעט און אויפ׳ן וועג צום שפּיטאָל איז ער געשטאָרבען.

וזכין דאָזיגען דרייסטען אָנפאַל איז דער נאַטשעלניק פון וואָיעוואָדישען אויספאָרשונגס-אַמט, אינספּעקטאָר נאַסעט אַרויסגעפאָהרען קיין קאַליש און אונטערגענומען אַן ענערגישע אויספאָרשונג אויסצוגעפינען די געפעהרליכע באַנדיטען. די אויספאָרשונג איז באַלד אויך געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג. נאָך איינינע אָבסערוואַציעס איז בעוואוסט געוואָרען, אַז די באַנדיטען, אַז די באַנדיטען האַלטען זיך אויף ביי א געוויסען מישקעוויטש אויף אַגראַדאָווא 4.

בעקומענדיג די ראָזינע ידיעה האָט די פּאָליציי בייַנאַכט אַרומגערינגעלט דאָס גאַנצע הויז. ווען די פּאָליציי איז אַריין אין דער געפעהרליכער נעסט האָט זי נעטראָפען די באַנדיטען פערזונקען אין שלאָף. אַלע 3 זענען דאָן געשמידט און קוים אָפּגעפיהרט געוואָרען אין תּפיסה.

בעת דער אויספאָרשונג האָבען זיי זיך מודה געווען אין די פערברעכענס דערצעהלענדיג דערבייַ די פּרטים פון די אויסגעפיהרטע אָנפאַלען.

אין געריכט האָט יוזעף פּאַפּאַלעק גענומען אויף זיך די גאַנצע שולד פאַר די אויסגעפיהרטע פערברעכענס, ערקלע-רענדיג, אַז דאָס האָט ער זיי צוגערעדט צו בעטייליגען זיך אין די אָנפאַלען.

בעת׳ן גאַנצען פערלויף פון׳ם פּראָ-צעס האַלטען זיך די באַנדיטען שטיל.

נאָך די רעדעס פון פּראָקוראָר און די פערטיידיגער טראָגט דאָס געריכט אַרויס דעם אורטייל. דער הערשט יוזעף פּאַפּאַלעק ווערט פער׳משפּט צו טויט-שטראָף דורך הענגען. דער ברודער זיינער און זייער שותּף מאַטשקאָוויאַק — צו לעבענסלענגליכע תּפיסה. נאָכ׳ן אויסהערען דעם אורטייל זענען די מערדער אַריינגעפאַלען אין גרויס פערצווייפלונג און דערזען אַז צו מיינען, וואָס מאַכט א שטאַרקען רושם אויפ׳ן פּובליקום.

דער פערטיידיגער פון פּאַפּאַלעק׳ן האָט אַרויסגעשיקט א טעלעגראַם צום מלוכה-פּרעזידענט וועגען בעגנאַדיגונג. ביז האַלבער נאַכט איז קיין תּשובה נאָך נישט אָנגעקומען.

די רעטונגס-אַקציע אַרום דער געזונקענער אינטער-וואַסער-שיף איז געווען אומזיסט

די רעטונגס-שיף ביים ריהרעל פון שיף.

די לאָדזער עקסקורסיע קיין ארץ-ישראל

ווי מען טיילט אונז מיט פאָהרט די לאָדזער עקסקורסיע קיין א"י אָפּ דעם 26 ד. ח. דער זאַמעל פונקט איז אויפ׳ן וואַרשאַווער באַהן-הויף 3 אַזייגער נ. מ. דורך לובלין — ראַזוואַדאָוו — לעמבערג שניאַטין ביז צו דער רומענישער גרע-ניץ. די שיף געהט אָפּ דעם 28 ד. ח. פון קאָנסטאַנצא. אין ארץ-ישראל וועט די עקסקורסיע ווייַלען 3 וואָכע. מיט דער עקסקורסיע פאָהרען מיט דער לייטער ה׳ אינז. זעלינסקי און דער פאָרשטעהער פון לאָדזער „תּוצרת הארץ" ה׳ גרשון ליכטענשטיין.

—סס—

יודיש טעאַטער „פילהאַרמאָניע"

פערבאַנד טרופּע פון א.א.פ. אין פּוילען. אָנפירונג א. בעזמאַן.

דאָס איינציגע אָפּערעטען-טעאַטער אין לאָדז! נוצט אויס די געלעגענהייט! היינט צום לעצטען מאָל

מיט די גלענצענדע אָפּערעטען-שוישפּילערין

מרים קאַראַלאָוואַ

פּרייזען: פון 50 גר. ביז 1.60 זל.

אין דער פּרעהליכער אָפּערעטע אין 3 אַקטען פון וו. שומסקי

„מלכּה׳לע"

אַכטונג! אין די נאָהענטסטע טעג קומט די צווייטע פּרעמיערע

„דעם בעקער׳ס טעכטער׳ל"

מיט מרים קאַראַלאָוואַ אין דער הויפּט-ראָלע.

איינצעלהייטען אין די ווייטערדיגע אַנאָנסען.

בעמ.: דאָס פילהאַרמאָניע-טעאַטער איז דאָס קיהלסטע טעאַטער אין גאַנץ לאָדז.

קופּאָן № 33
אויף אומזיסטע יורידישע עצות.

דער בעזיצער פונסדאָזיגען קופּאָן קאָן בעקומען אומזיסט יורידישע עצות דורכ׳ן יורי-קאָנסול פון אונזער רעדאַקציע.

גילטיג היינט מיטוואָך, ד. 13. יולי פון 8 אָוונד

מאָריס שוואַרץ וועגען זיין בעזוך אין אייראָפּע

זיינע ווייטערדיגע קונסט-פּלענער

וואַרשע, (י.ט.א.) דער בעריהמטער יוד-שער אַרטיסט מאָריס שוואַרץ. וועלכער פאָהרט שוין אָב דעם 16-טען יולי מיט דער שיף „בערענגאַריא" קיין ניו-יאָרק, האָט איבערגעגעבען פאַר דער י.ט.א. פאָלגענדע ערקלערונג וועגען זיינע ווייטערע טעאַטער-פּלענער.

מיין פּלאַן צו שאַפען אַן אַלטוועלט-ליכען קונסט-טעאַטער איז נאָך מעהר געשטאַרקט געוואָרען דורך מיין פער-זענליכען קאָנטאַקט מיט די גייסטיגע פיהרער פון דעם יודישען לעבען אין אייראָפּע און ספּעציעל האָט מיר דער יודישער טעאַטער-עולם פון כמעט אַלע שטעהט וואו איך בין געווען, גרינד-ליך איבערצייגט, אַז אַזאַ טעאַטער איז נויטיג. דער פּלאַן ווערט געשטערט נוליב דעם, וואָס די לענדער לאָזען נישט אַריין קיין גאַנצע טרופּע. דערפאַר מוז מען זיך בעפעסטיגען אין איין לאַנד, שאַפען דעם גרויסען אינ-טערעסאַנטען רעפּערטואַר אין וואַר-טען ביז די רעגירונגען וועלען געבען אַן ערלויבניש צו קענען אַריינקומען. בלייבט די פראַגע וואו זאָל זיין די אַרבייטסהיים. ניו-יאָרק אָדער און וואַר-שע און פערבינדונג מיט לאָנדאָן פאַ-ריז ריגאַ און קאָוונאַ. אין ניו-יאָרק האָב איך אין משך פון לעצטען יאָהר שווער געקעמפט, כדי צו דערהאַלטען דעם קונסט-טעאַטער ביים לעבען. די יודען פון ניו-יאָרק וואָלטען געקענט אויפבויען דעם שענסטען קונסט-טעמ-פּעל אום פערזיכערען זיין עקזיסטענץ. ווייל ניו-יאָרק גיט אויס מיליאָנען אויף ישיבות יודישע צענטרען און ערטער פאַר יונגוואַרג צו מאַכען גימנאַסטיק. ווען די ניו-יאָרקער יודען זאָלען זיין אַזוי פערברענט פאַר טעאַטער ווי וואַרשע, וואָלט אוודאי געוויעהן גוט האָט אָבער ניו-יאָרק, ספּעציעל ניו-יאָרק, מעהר ווי די אַמעריקאַנער פּראָ-ווינץ, אָנגעהויבען זיך אונטערשעהמען מיט אַלץ. וואָס איז יודיש און האָט גראָד דערפאַר קען איך נישט בעשלי-סען איצט איבערצוטראָגען מיין טע-טיקייט ערגעץ אַנדערש און מוז מיט אַנגעשאַרפטער ענערגיע זיך ענטגעגע-גענשטעלען דעם שטן, וואָס רופט זיך שפּראַך-אַסימילאַציע אָבער מוזען מיר העלפען, סיי די יוגענט, סיי דעם עלטערער עולם סיי די יודישע פּרעסע, וועלכע זאָל וועקען ביי די אַמעריקאַ-נער יודען דעם בעוואוסטזיין.

איך פאָהר קיין אַמעריקאַ איצט צו-זעהן. אויב מען קען סטאַבליזירען און פערזיכערען די עקזיסטענץ פון קונסט-טעאַטער. אויב איך וועל געפינען שטע-רונגען, וועל איך מוזען אַריבערפיהרען מיין טעטיגקייט קיין אייראָפּאַ, און וואַרשע וועט זיין דער צענטער. וועל איך אָבער קענען איינגעהן מיט דעם קונסט-טעאַטער אין ניו-יאָרק, וועלען מיר 6 חדשים שפּילען אין אַמעריקאַ און 6 חדשים אין אייראָפּע, פּוילען ענגלאַנד, פראַנקרייך, לעטלאַנד, ליטע און מעגליך רומעניען. מיין טורנע האָט דעם ים אַסאַך קלענער געמאַכט. איך ווייס איצט, וואו און ווען און וויפיעל דער קונסט-טעאַטער דאַרף אין יעדען לאַנד און יעדער שטאָט שפּילען. איך האָב אַסאַך געלערענט אין צעהן וואָכען אין אייראָפּאַ.

איך דריק אויס מיין האַרציגען דאַנק די יודען פון אַלע לענדער, וואו איך בין געוועהן און אויך דער יודישער פּרעסע פאַר דעם אופן, ווי אַזוי די יום-טוביגקייט האָט זיך פערטראָגען צו מיין הארץ.

—סס—

דער פייערליכער מאָמענט פון אונטערשרייבען דעם אָפּמאַך אין לאָזאַן

קאַנצלער פאָן פּאַפּען שרייבט אונטער דעם אָפּמאַך

מאַקדאָנאַלד שרייבט דער ערשטער אונטער דעם אָפּמאַך

לאָדזשער טאָגעבלאַט

דער רעדאַקטאָר נעמט אָן פון 6 ביז 8 אָוו.
ניט בעשטעלטע מאַנוסקריפּטען ווערען נישט צוריקגעשיקט.

„Lodz. Tageblat" Łódź Piotrk. 16
Skrz. poczt. 16
טעלעפאָנען: רעד. 100.57 אַדמ. 100.47

די פּראָטעסטען

עס פּראָטעסטירען יודען, עס פּראָטעסטירען פּאָלאַקען!

יודען פּראָטעסטירען געגען די רדיפות מצד די היטלער־לייט אויף זייערע ברידער אין דייטשלאַנד, פּאָלאַקען פּראָטעסטירען געגען די אָנפאַלען אויף פּוילישע בירגער אין דאַנציג.

מען רופט פּראָטעסט־פערזאַמלונגען אין וואַרשאַ, לעמבערג, קראָקאַ, און אַנד. שטעט.

די פּראָטעסט־בעוועגונג איז אַ נאַטירליכע.

עס טוט אונז וועה, וואָס מען פּלאָגט אונזערע ברידער אין דייטשלאַנד און מיר לאָזען הערען אונזער שטים, פונקט ווי עס האָבען געלאָזט הערען זייער פּראָטעסט אונזערע ברידער אין אויסלאַנד, ווען ס'איז אונז שלעכט געוועזען.

ביי די פּוילישע פּראָטעסטען געגען דאַנציג הערט מען אָפט רעדען וועגען די עולות, וואָס מען טוט דאָרט די יודען, פּוילישע בירגער. די „פּוילישע טעלעגראַפען אַגענטור" (פּאַט) פיהרט אָפילו לעצטענס אַ רעגיסטער פון פּוילישע בירגער (יודען), וואָס מען איז אויף זיי אָנגעפאַלען אין דאַנציג.

מיר וואָלטען דער פּוילישער עפענטליכקייט אמת דאַנקבאַר געוועזען פאַר די איידעלע געפיהלען, וואָס זי ווייזט אַרויס צו אונזערע ברידער אין דער פרייער שטאָט, אָבער מיר האָבען פונדעסטוועגען אַ בעוואָרעניש:

אויב איהר אינטערעסירט זיך אַזוי שטאַרק מיט דער לאַגע פון די יודען אין אויסלאַנד, טאָ שענקט כאָטש אַביסעלע אויפמערקזאַמקייט די יודען ביי אונז אין לאַנד גופא.

אפשר וועט איהר אויך דאָ געפינען עולות, וואָס ווילען אויך אָנכאַפּען ביים האַרץ?

ג"ב.

די פּאָליטישע פּעריען אין פּוילען

דער סך־הכל פון דער רעגירונגס־טעטיגקייט פאַר די לעצטע חדשים. — ווי אזוי האָט די רעגירונג אויסגענוצט די פולמאַכטען. — דער טעראָר פון טאַשעמקאַ'ס באַנדע און די ב. ב. ס. — אפּיקורסישע געדאַנקען וועגען ל'זאַן. — אָפּקלאַנגען פון דער פּוילישער פּרעסע.

„אין יוני, גראַד אַזוי ווי אין מאַי, האָט דער עודף פון עקספּאָרט איבערן אימפּאָרט אויסגעמאַכט קוים 5 מיליאָן זל. אַ סומע, וואָס איז 7 מאָל קלענער פון די ווירקליכע בעדערפענישען פון אונזער צאָהלונגס־בילאַנס. אויף וויפיל אונז איז בעוואוסט שאַצט די רעגירונג אָפּ די וויכטיגקייט פון דעם ענין, אָבער זי האָט ביז איצט אין דעם פּרט גאָרנישט געטון. דער נייער צאָל־טאַריף, וואָס האָט געזאָלט איינגעפיהרט ווערען אַזוי ניך נישט קומען. ...

... בעוויזען די געריכטס־פּעראַהאַנדלונג און ווי עס האָט מיט שטאָלץ זיך מודה געווען טאַשעמקאַ גופא". און דערפאַר האַלט דער ראַבאָטניק איז נישט מצהר, ווי יושר'דיג, אַז עס זאָל איצט פאָרקומען אַ שטאַנד געריכט איבער ב.ב.ס.

שווערע לאַגע פון די יודישע איבערוואַנדערער אין ביר־בידזשאַן

מאָסקווע (י.ט.א.) דער „עמעס" טיילט מיט, אַז די יודישע איבערוואַנדערער אין ביר־בידזשאַן ליידען פון אַ שאַרפען ברויט־מאַנגעל, בעזונדערס אין די קאָלאָניעס. בירעקאַן און מיכאַליצקאַ פעהלט גענצליך ברויט. ...

נאָר די נייע־איינגעוואַנדערטע נאָר אויך די אַרבייטער, וואָס זענען שוין בעשעפטיגט אין פערשידענע אינטערנעהמונגען ווי צ. ב. אין האָלץ־טרוסט, ליידען פון שפּייז־מאַנגעל. אין בירא ווערען בלויז די אַרבייטענדיגע מענער בעשפּייזט און קאַנטענען־קוכען. זייערע פרויען און קינדער קענען אָבער נישט געניסען פון די קיכען. ...

ערב די רייכסטאַג־וואַהלען אין דייטשלאַנד

די פערשטאַרקטע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע און דער מאַנגעל פון אַ אייניהייטליכער יודישע פּאָליטיק. — מיט וואָס גיהען די דייטשע יודען צו די וואַהלען?

אַ בריף פון בערלין ספּ. פאַר'ן „לאָדזשער טאָגעבלאַט" — פון א. בירענצווייג

... גרופּירונגען.

די דייטש־נאַציאָנאַלע ווילען דוכט זיך (גיכער ווי אין דער לעצטער צייט די עסטרייכישע קריסטליך־סאָציאַלע) צונעמען ביי די היטלעריסטען די בכורה אין הלכות אַנטיסעמיטיזם.

די אַנטיסעמיטישע דעמאַגאָגיע פון די האַקען־קרייצלער אין דער לעצטער צייט. שטייגט איבער אַלץ, וואָס איז פון דער דאָזיגער פּאַרטיי ביז איצט געזאָגט, געשריבען און געטון געוואָרען לגבי יודען. להיפך צו די פריהערדיגע רייכסטאַג־וואַהלען פון 1930, בעת די היטלעריסטען האָבען געטריבען אַ מעסיגע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע, האָבען זיי איצט בעשלאָסען זייער אַנטיסעמיטישע שטעלונג לגבי יודען צו ברענגען דעם שאַרפסטען אויסדרוק.

לוצאַטי, אַ גוטער יוד, אָבער אַ בעסערער איטאַליענער

מיין בעגעגעניש מיט לואידושי לוצאַטי.־אין האַרצען אַ זוהן פון יודישען פאָלק, אָבער פיל מעהר אַ רוימער. — האָט געגלויבט, אַז מען קען בעקעמפען דעם אַנטיסעמיטיזם מיט קלוגע און שעהנע ווערטער.־איז געוועזען איטאַליענישער פּרעמיער און הויך געשעצט פון איטאַליענישען פאָלק.־מען דאַרף בעווייזען דער וועלט, אַז נישט אַלע יודען ווילען ווערען באַנקירען, און שטרעבען צו ערד־אַרבייט. איז געווען לוצאַטי'ס טענה.

פון מיינע בעגעגענישען — פון ראובן ברייני"ן

2.

לוצאַטי האָט געגלויבט, אַז אפילו ...

לוצאַטי האָט מיר רעגעוויף געענטפערט: „איך גלויב נישט אין דעם, וואָס איהר זאָגט. עס זענען דאָך געווען רדיפות אויף יודען אויך אין אַמאָליגע צייטען, ווען זיי האָבען זיך נישט אויסגעצייכענט מיט קיין מעלות".

לוצאַטי האָט מיר דערצעהלט, אַז ער האָט אַ מאָל געהאַלטען אַ רעדע, וואָס איז איהם בעריהמט מיט דעם, וואָס אין זיין מיניסטעריום געפינט זיך אויך אַ יוד.

לוצאַטי האָט געריעדט וועגען רוזוועלט'ן, ווי עס רעדט אַן אַלטער אַריסטאָקראַט פון אַן אויפגעקומענעם גביר.

(דאָס ווייטערע קומט)

וועגען דעם אינטערוויא מיט לעאָ מאָצקין

פּאַריז. (יטא) אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן אינטערוויא מיט לעאָ מאָצקין, וואָס איז לעצטענס פערעפענטליכט געוואָרען אין דער פּרעסע האָט ה' לעאָ מאָצקין איבערגעגעבען דער „יטא" פאָלגענדע ערקלערונג צו פערעפענטליכען:

„לעצטענס האָט די פּוילישע טעלעגראַפען־אַגענטור פערעפענטליכט אַן אינטערוויא ...

לויטער פון „פּאַט", אַז דער „קאָמיטעט פון יודישע דעלעגאַציעס" האָט נאָר וואָס פערעפענטליכט אַ בוך וועגען דער לעצטער אַנטיסעמיטישער קאַמפּאַניע אין פּוילען (אוניווערזיטעט־אומרוהען, בויקאָט־בעוועגונג א.א.וו.) אַז דאָס בוך ענטהאַלט אַן אָביעקטיווע בעלויכטונג פון די רעגירונגס־אַקטען, ווי אויך אַלע אָפיציעלע ערקלערונגען פון די רעגירונגס־קרייזען צוזאַמען מיט אַן'אונ...

לאָדז 13. יולי 1932
מיטוואָך ט' תמוז תרצ"ב
פ' חקת בלוק

טאָג-כראָניק

יוד. פאַמיליע פערסמ'ט מיט פליש

(§) נעכטען זענען זיך פערסמ'ט מיט אַלט פלייש די פאַמיליע שוואַרץ (ווזשעשניענסקאַ 4). אין א שווערען צו-שטאַנד איז דאָס פאַר פאָלק אָפּגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל.

בע'גנב"עט אין א באַנק אויף 500 זל.

(§) ביים פענסטערל אין דער „קאָ-פּיעצקאַ קרעדיטאַווא" (פּיעטריקאָווער 29) האָט מען בײ אַטאַן קוינאַט צוגע-נומען א פעקעל מיט 500 זל. דעם גנב איז נישט געלונגען צו פערהאַלטען.

נ. כמ-דיזשורנע אין די אַפּטייקען

היינט בײנאַכט דיזשורירען פאָלגענדע אַפּטייקען: ש. יאַנקעלעוויטש (אַלט-שטאַט 9), ז. שטעקעל (לימאַנאָווסקי 37), ב. גלוכאָווסקי (נאַרוטאָוויטש 8), ס. האַמבורגער (גלוגאָוואַ 50), ל. באַיו-לאָווסקי (פּעטריקאָווער 307), א. פּיעש-ראָווסקי (פּאַמאַרסקאַ 91).

פון לאָדזשער האַנדעלס-געריכט

אופּאַדלאַשטש פון דער פירמע מיכאל קאָן

(5) נעכטען האָט דאָס געריכט פּע-רעפּענטליכט א אויפּאַדלאַשטש דער פּיר-מע מיכאל קאָן, בעזיצער פון א פאַבריק פון וואָל-אויסאַרבעטונגען אין לאָדז אויף ווירזשבאָווא 15. די פירמע עק-זיסטירט זײט 1894 און אָנגענאָמען אַלס סאָלידע פירמע. דער שאָדען, וואָס די פירמע האָט געליטען פון די רעק-וויזיציעס פון דער אָקופּאַציע מאַכט אין דער הויך פון 80 טויזענד דאָלאַר האָט גורם געווען, אַז זי האָט פערלוירען דעם אומזאַץ-קאַפּיטאַל, דאָך האָט זי זיך ווי עס איז געהאַלטען. איצט אָבער צוליב'ן שאַרפען קריזיס איז זי ענדגילטיג צוזאַמענגעבראָכען געוואָרען.

דער בילאַנס פון דער פירמע איז אָפּגעשלאָסען געוואָרען מיט 203,966 אין אַקטיוועו און 420,617 אין פּאַסי-ווען.

אַלס קוראַטאָר איז נאָמינירט געוואָ-רען אַדוו. אַלבערכט, אַלס ריכטער קאָ-מיסאַר יאַקוב הערץ. דער טערמין פון עפענען די אויפּאַדלאַשטש איז צײטווײ-ליג בעשטימט געוואָרען אויפ'ן 12 יולי.

* * *

אין דעם ענין פון דער פירמע „יוזעף שטילער" וועמען דאָס געריכט האָט לכתחלה געהאַט אָפּגעזאָגט צו ערטיילען א נאַדזאָר און דאָס אַפּעלאַציע געריכט האָט דעם נאַדזאָר יאָ ערטיילט, האָט דאָס לאָדזשער האַנדעלס געריכט לויט'ן אורטייל פון אַפּעלאַציע געריכט איצט בעשטימט אַלס קוראַטאָר זיגמונט ראַ-מין און אַלס ריכטער קאָמיסאַר ד"ר א. קינדערמאַן.

* * *

דאָס געריכט האָט אַקצעפּטירט די האַנדלונג פון קוראַטאָר און אויפ-פּאַדלאַשטש פון דער פּאַביאַניצער פּיר-מע „יורשים פון הערמאַן פּרײס, פאַ-בריק פון טעקסטיל סחורות, וועלכער האָט בלויז געמאַכט א פּראָטאָקאָל פון דער פאַבריקס-איבערנעמונג לאָזענדיג ווײטער אין גאַנג די פאַבריק.

* * *

אין אויפּאַדלאַשטש פון סוחר פּ. פּאָכטלעב, פערקויף פון אַפּטײשע אַר-טיקלען פּיעטריקאָווער 71, האָט דאָס געריכט בעשטעטיגט די וואַהל פון סינ-דיק אַדוו. קנאָפּעק.

* * *

אין דער אויפּאַדלאַשטש פון דער פּיר-מע „אַלפרעד גוסטאַוו לעביג" בעזיצער פון א געשעפט פון מוזיק אינסטרומענ-טען אויף נאַווראָט 22 האָט דאָס גע-ריכט בעשטימט א נײעם טערמין אויף פעסטצושטעלען די חובות. א ענגליש'ע צוגאָב טערמין איז אויך בעשטימט גע-וואָרען און דער אויפּאַדלאַשטש פון סוחר קאָוועער סוחר אלתר קוטאָס.

* * *

ענדע יאַנואַר האָט די פירמע הענריק פּעפּער, פערקויף פון גאַלאַנטעריע אַר-טיקלען און קאָנפעקציע פּיעטריקאָווער 113, אָפּגעגעבען א בישע וועגען א נאַ-דזאָר. דאָס געריכט האָט דאַן די בישע אָפּגעוואָרפען, צוליב דעם, וואָס די פירמע האָט שוין אַמאָל געהאַט א אויפּאַדלאַשטש און רעגולירט די חובות.

ה. פּעפּער האָט אויפ'ן אורטייל אָפּגע-געבען א אַפּעלאַציע, אָבער אַזוי ווי ער האָט די אַפּעלאַציע צוריקגעצויגען, האָט דאָס אַפּעלאַציע געריכט זײן ענין נישט בעטראַכט.

שוץ פאַר יודישע לעטניקעס אויף די זומער-וואוינונגען

אינטערווענץ פון דעפּ. מינצבערג ביים פּאָוויאַ-טאָווע סטאַראָסטאַ און פּאָליציי-קאָמענדאַנט

אין שייכות מיט די לעצטע אָנפאַלען אויף די זומער-וואוינונגען און ווישניאַ-וואַ גוראַ און אַנד. ווי די יודישע לעט-ניקעס ווערען געשלאָגען און שאַנטאַ-זשירט, האָט דעפּ. מינצבערג אָפּגעהאַל-טען א קאָנפערענץ מיט'ן סטאַראָסטע זשעוווסקי, הלמאי עס ווערט נישט א סוף געמאַכט צו די כוליגאַנישע אַרויסטרי-טען.

סטאַראָסטע זשעוווסקי האָט אָנגעוויז-זען, אַז אין אַלע פאַלען זענען צוגע-שטעלט געוואָרען פּראָטאָקאָלען און די שולדיגע זענען איבערגעגעבען געוואָ-רען צום געריכט. ליידער אָבער בעציהען זיך די געריכטען צו „ליבעראַל" צו די דאָזיגע אָנפאַלער, וועלכע ווערען בע-שטראָפט מיט 20 זל שטראָף, אָדער 8 טעג אַרעסט. ווייטער האָט דער פּאָוויאַ-טאָווער סטאַראָסטע אָנגעוויזען, אַז די זומער-וואוינונגען אַרום לאָדז זענען גע-נוג בעוואַכט מיט פּאָליציי, וועלכע האָט א ספּעציעלע אָרדנונג אין יעדען פאַל אײנמער-קזאַמקייט די אָנפאַלען מיט דער נאָענ-טער האַלבקייט. ליידער זענען מאַנכע יודען אַזוי פּהדנות'דיג. אַז ווען עס פּאַ-סירט זיי א קליינער שנין מיט א שטע-קעל, לאָזען זיי זיך פון איהם.

צום סוף האָט דער סטאַראָסטע גע-בעטען אין יעדען איינצעלנעם פאַל, איהם מיטצוטיילען און די שולדיגע וועלען שטרענג בעשטראָפט ווערען.

דעפּ. מינצבערג האָט אויך אָפּגעהאַל-טען א קאָנפערענץ מיט'ן קרייז-פּאָליציי קאָמענדאַנט לאַנגער, וועלכער האָט איהם געוויזען אַלע אַקטען, וואָס זענען שוין איבערגעשיקט געוואָרען צום געריכט.

לאָדזשער שטאָט-טעאַטער ציגעל-גאַס 27
XVII יאָהר יודיש דראַמאַטיש טעאַטער אין פּוילען XVII יאָהר
ווילנער טרופּע – דיר.: – מ. מזאה.
היינט מיטוואָך, ד. 13-טען יולי 9 אָוונט צום 6-טען מאָל
גאַסט-אויפטריט פון
זיגמונט טורקאָוו
אין שלום אַש'ס
„אַנקעל מאָזעס"
3 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג (6 בילדער)
דראַמאַטיזירט: אידאַ קאַמינסקאַ — רעזשי: זיגמונט טורקאָוו
בילעטען פון 50 גר. אַן צו בעקומען אין די שטאָט-טעאַטער-קאַסע: פון 11 ביז 3 נ.מ. אין בעשטעל-קאַסע טראַוגוטאַ 1, פון 7.15 אין שטאָט-טעאַטער.

א טויב מיט א רויט פענדעל אויף א ציוניסטישער אַקאַדעמיע

(§) פאַר'ן קרייז געריכט זענען נעכ-טען געשטאַנען דער 18-יעהריגער חיים אלתר באַראַן, 16-יעהריגער דוד ליב העלפּגאָט, 16 יעהריגער אברהם חיים מײז און בער בערנהאַם, וואָס זענען בע-שולדיגט געוואָרען, אַז דעם 6 יאַנואַר האָבען זיי אין פילהאַרמאָניע, בעת עס איז פאָרגעקומען די אַקאַדעמיע לכבוד אלתר דרויאַנאָוו, פון דער גאַלעריע אַראָפּגעלאָזט א טויב און אויף די פיס-לעך האָט זיך געפונען א רויט פענדעל מיט אַנטי-מלוכה'שע אויפשריפטען.

דאָס געריכט האָט באַראַנ'ען פער-משפּט אויף 2 יאָהר אויסבעסערונגס-הויז, בערנהאַם — 1 יאָהר אויסבעסע-רונגס-הויז, העלפּגאָט, מײז און ראָט-בערג — צו 6 חדשים תפיסה און דאָס אויספיהרען די שטראָף אָפּצולעגען.

—:§:—

האָט זיי צוגענומען די דאָרפישע שענהייט

דער'הרגעט זיי איהם צום טויט

(§) דער 21 יעהריגער טאַדעאוש גראָ-מאַדזקי איז צוזאַמען מיט זיינע עלטע-רען אַרויסגעפאָהרען אויף זומער-וואוי-נונג אין דאָרף ליפּקאַ. בזשעזשינער קרייז. דאָ האָט ער זיך בעקענט מיט דער דאָרפס-שענהייט, די 18-יעהריגע אַנטאָניאַ מײטשינסקאַ און זיי האָבען טאָג טעגליך שפּאַצירט ביז שפּעט אין דער נאַכט.

דאָס האָט אָבער פערדראָסען די דאָרפישע שקצים, הלמאי גראָמאַדזקי האָט זיי צוגענומען די היימישע שענ-הייט.

נעכטען, בעת דאָס פּאָר איז אין אויין וואַלד זענען פּלוצלונג אַרויס פון פון בעהעלטעניש 3 פערשוין און גע-נומען שלאָגען גראָמאַדזקין אויף רעכטס און לינקס.

די מײטשינסקאַ איז אַוועק אין דאָרף אַריין רופען הילף. ווען זי איז אָבער צוריקגעקומען איז שוין גראָמאַדזקי גע-לעגען א טויטער.

די פּאָליציי האָט אַרעסטירט לעאָן קוביצקי, יוזעף זאַסינא און סטאַניסלאַוו יאַכוואָווסקי, אויף וועמען די מײטשינ-סקאַ האָט אָנגעוויזען. אַז זיי זענען געווען די אָנפאַלער.

די בעסטע לאָדעס ביליג און גוט
בעקומט מען אין דער
צוקערניע „אַדלאָו"
פּיעטרקאָווער 17, טעל. 247-22
אַ פּאָרציע מיט וואַפלעס 40 גראָשען

אַרעסטירט פאַר שפּילען קאָרטען אין גאַס

(§) אויף זשעראָמסקאַ גאַס איז אַרעסטירט געוואָרען סטעפאַן וויענזש-לאַק, בעת ער האָט געשפּילט אין דריי קאָרטען אין גאַס.

— אויף זאַכאָדניאַ גאַס זענען פער-האַלטען געוואָרען אַלפאָנס שווינטאַ-סלאַווסקי און יאַן מאַטושאַק פאַר שפּי-לען אין קאָרטען אין גאַס.

אַרעסטירט א גנב מיט א העמטעל זייד

(§) אויף אַלטשטאַט האָט פּאָליציי אַרעסטירט דעם גנב גדליה בראָדנאַוו-סקי מיט א העמטעל זייד פון 25 קילאָ.

ראַדיאָ פּראָגראַם

מיטוואָך 13 יולי

לאָדז (233.8) 11.58 שעה-צייכען, טאָג-פּראָגראַם און פּרעסע איבער-זיכט, 12.40 וועטער-בעריכט, 12.45 פּלי-טען, 3.40 ערציהלינגס-עמועס פאַר יונגערע און עלטערע קינדער, 50.5 פּליטען, 4.35 קאָמוניקאַט פון צענטר. ביוראָ פאַר שיפער און פישער, 4.40 פּאָרטראַג, 5.- פּאָפּולערער קאָנצערט, 6.- פּאָרטראַג 6.20 לייכטע-מוזיק פון קאַפע-הויז ביים וואַרשאַוער האָטעל „אייראָפּעיסקי". 7.15 פערשידענעס, 7.35 ראַדיאָ פּרעסע-זשורנאַל, 7.45 קאָמו-ניקאַט פון דער לאָדזשער האַנדעלס-קאַמער, פּראָגראַם אויפ'ן נעכסטען טאָג און טעאַטער-רעפּערטואַר, 8.- כאָר קאָנצערט (דר. פין לעמבערג), 8.35 ליטעראַרישע פּירטעל שטונדע – רעצי-טאַציע פון פּויליש-פראַנצויזישע פּאָעזי-יע 8.50 פידעל רעציטאַל פון אירענאַ דוביסקאַ, 9.50 ביילאַגע צום ראַדיאָ פּרעסע זשורנאַל, 9.55 קאָמוניקאַט פון דער צענטר. מיליטערישער וועטער-סטאַציע פאַר פּליה-יוזען, 10.- טאַנץ-מוזיק, 10.24 פּליטען 10.40 ספּאָרט ידי-עות. 10,50 טאַנץ-מוזיק.

נייער מוזיקאַלישער טאַלאַנט

דער לאָדזשער טביה ראָזענבערג

די פּאַריזער צייטונגען האָבען לעצ-טענס שטאַרק געלויבט אַ נייעם אויפ-געהענדען מוזיקאַלישען שטערן, וועל-כער האָט א גרויסען שייכות צו אונז לאָדזשער. ס'האַנדעלט זיך וועגען דעם לאָדזשער יונגערמאַן טביה ראָזענבערג, א זוהן פון בעקאַנטען לאָדזשער עסקן, דאָזאָר און פּרעזעס פון קליינהענדלער-פעראיין, ליבוש ראָזענבערג.

די פּאַריזער צייטונגען האָבען זיך צושריבען וועגען דעם יונגען מוזיקער צוליב דעם ערשטען און איינציגסטען דיפּלאָם, וואָס איז איהם איבערגעגע-בען געוואָרען דורכ'ן פּאַריזער קאָנסער-וואַטאָריום, וועלכער האָט פאַר איהם אַראַנזשירט א פּייערליכען אָוונד אין קאָנסערוואַטאָריום-זאַל אין דער אַנווע-זענהייט פון צאָהלרייכע מוזיקאַלישע אויטאָריטעטען.

אַלס פידעל-שפּילער, וועלכער האָט אויסגעפיהרט די קאָמפּליצירטע ווערק פון די מוזיקאַלישע גאונים, האָט טביה ראָזענבערג אַרויסגערופען אַלגעמיינע ענטציקונג. בכלל איז דער יונגער לאָדזשער מוזיקער דאָס געקעכעלטע קינד פון פּאַריזער קאָנסערוואַטאָריום וואו ס'זענען היינטיגעס יאָהר צוגעלאָזען געוואָרען צום עקזאַמען נאָר 6 סטודענ-טען, פון וועלכע דעם איינציגען דיפּ-לאָם מיט דער העכסטער אויסצייכנונג פאַר קלאַסישער מוזיק איז געגעבען געוואָרען דורך טביה ראָזענבערג. א צווייטען דיפּלאָם האָט דער מוזיקער בעקומען פאַר קאַמער-מוזיק.

שוין אין דער לאָדזשער גימנאַזיע, וועלכע ראָזענבערג האָט געענדיגט, האָט ער אַרויסגעוויזען גרויסע מוזיקאַ-לישע פעהיגקייטען, אַזוי אַז מיט איהם האָט זיך שוין דעמאָלט פּעראינטערע-סירט דער בעקאַנטער לאָדזשער מוזיק-פּראָפעסאָר וויזענבערג, דער געוועזע-נער לעהרער פון דעם גאון בראָניס-לאַוו הובערמאַן.

אויף ווי ווייט טביה ראָזענבערג האָט אַרויסגעוויזען איז די פּאַריזער מוזיקאַלישער קרייזען בעווייזט דער פאַקט, וואָס די פּראָפעסאָרען פון קאָנ-סערוואַטאָריום ווילען איהם בעאיינפלו-סען, אַז ער זאָל אָננעהמען די פראַנ-צויזישע בירגער-שאַפט.

בעשטימט א מיליטערישען ראַבינער פון לאָדזשער גאַרניזאָן

דאָס קריגס-מיניסטעריום האָט די טעג בעשטימט דעם פּרעדיגער אין נאָזשיק-שוהל אין וואַרשע, הרב דוד גאָלדשטיין, אַלס מיליטערישען ראַבינער פון לאָדזשער גאַרניזאָן.

אַרעסטירט א קאָמונ. פערזאַמלונג

(§) אויף בערעק-יאָסעלעוויטשאַ 9 האָט פּאָליציי מאָנטאַג בײנאַכט אַרומ-גערינגעלט דאָס הויז, אַריין אין דער וואוינונג, אין וועלכען ס'איז פאָרגעקומען א פערזאַמלונג און אַרעסטירט 5 קאָמו-ניסטישע טוער. בעת דער רעוויזיע האָט מען אויך געפונען קאָמוניסטישע ליטע-ראַטור. די פערהאַלטענע זענען איינגע-זעצט געוואָרען אין תפיסה.

==§==

טערקישע פרוי פריי פון שלייער האָט אויפגעלעבט דאָס לאַנד

קעמאַל פּאַשאַ'ס גרויסע פערדינסטען פאַר טערקיי זענען איהם בייגעשטאַנען אין קאַמף געגען פרויען-שקלאַפעריי. - מאָדערנע טערקען בעטען פאַר פּאַשאַ'ס לעבען.

דריי גרויסע מדינות האָבען דורכ-געמאַכט קאָלאָסאַלע איבערקערענישען זינט דער וועלט-מלחמה: רוסלאַנד, טערקיי און איטאַליע. פון די דריי, איז די גרינדליכסטע איבערקערעניש אפשר פאָרגעקומען אין טערקיי. דאָרט האָט איין מענש, קעמאַל פּאַשאַ, אי-בערגעקערט פולשטענדיג און אָרדנונג פון איבער טויזענט יאָהר.

לענין מיט זיין באָלשעוויסטישער פּאַרטיי האָבען געשאַפען דעם סאָוויעט רעזשים. וואָס מישט זיך אין אַלע מענשליכע טעטיגקייטען און לעבענס-געוואוינהייטען. נאָר סיי לענין, סיי זיין נאָכפאָלגער, סטאַלין, האָבען גע-מוזט פון צייט צו צייט מאַכען קאָנ-צעסיעס די פויערים. קוסטאַרען און קליי-נע סוחרים, אָנהויבענדיג מיט דעם באַרימטען „נעפּ" (נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק) און ענדיגענדיג מיט די דעק-רעטען פון די לעצטע חדשים, וואָס ערלויבען א גרויסע מאָס פּריוואַטען האַנדעל.

דער אַל-מעכטיגער מוסאָליני האָט אויך געצאַמט אַלע קלאַסען פון איטאַ-ליענישען פאָלק. ער באַהערשט דעם טראָן און די קירך; ער האָט אָפּגע-שאַפט די פרייהייטען פון קאַפּיטאַליס-טען און אַרבייטער און אינדוסטריעלען לעמען; ער האָט אַריינגענומען אין די הענט די בילדונג פון דער יוגענט, דאָך האָט ער נישט געפּרובט מישען זיך אין פאַמיליען-לעבען פון דער איטאַ-ליענישער באַפעלקערונג.

גאָר אַנדערש איז די לאַגע פון טער-קישען דיקטאַטאָר קעמאַל פּאַשאַ. ער האָט בעוויזען צו לייגען זיין האַנט אויף דער טערקישער פאַמיליע, און אָפּגעשאַפען די אייביגע הערשאַפט פון מאַן איבער דער פרוי, אין אַלע טער-קען האָבען איהם ליעב; ער האָט אָפּגענומען די ערציהונג פון דער יו-גענט ביי דער מאַכמעדאַנישער קירך, האָט אינגאַנצען באַזייטיגט די קירך פון וועלכער עס איז מאַכט אין טער-קיי, און דאָך איז ער דער חשוב'סטער מענש אין דער גאַנצער מאַכמעדאַנישער וועלט; ער האָט געצוואונגען דאָס גאַנ-צע פאָלק צו געהן אין חדר עטליכע חדשים. אויסצולערנען זיך שרייבען טערקיש מיט דעם לאַטיינישען אַלפאַ-בעט, האָט אויסגעלייגט שווערע שטראָפען אויף יענע, וואָס האָבען דעם אַלטען אַלפאַבעט בענוצט. און קיינער האָט געגען דעם גאָרנישט געזאָגט.

ווען ער האָט פערבאָטען די אַלטמאָ-דישע „פעסקע", און האָט איינגעפירט דורך א דעקרעט, אַז אַלע טערקישע מאַנסבילען זאָלען טראָגען אייראָפּעאי-שע קאַפּעליושען און היטלען, האָט ער דעם אָנהויב געמאַכט מיט אַ רעדע צו די איינוואוינער פון דער פאַנאַטישסטער שטאָדט. דאָך האָט קיינער נישט גע-וואַגט צו מאַכען אפילו דאָרט אַן אָנ-פאַל אויף איהם.

א בליק אויפ'ן לעבען אין טערקיי איצט, ווייזט וואָס פאַר אַ ראַדיקאַלע ענדערונגען ער האָט איינגעפירט. אין די קאַרגע צעהן יאָהר, זינט ער האָט פאָרמעל פערנומען די מאַכט. אויפ-געגאַנגען איז זיין שטערן טאַקע מיט 13 יאָהר צוריק, ווען ער א גענעראַל און דער טערקישער אַרמעע א קאָמאַנ-דיר אויפ'ן גאַליפּאָלי פראָנט אין וועלט קריג, האָט איגנאָרירט דעם סולטאַנ'ס רעגירונג און קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס האָט זיך אונטערגעגעבען, האָט צו-קלאַפּט די גריכען, און האָט געצוואונ-גען די אונטערצושרייבען א שלום, וואָס האָט די טערקען צוריקגעקערט פאַקטיש זייער אומאָפּהענגיגקייט.

פונדעסטוועגען האָט דער „גאַזי" (דער זיגער) געוואַרט עטליכע יאָהר, ביז ער האָט זיך ענטשלאָסען אַראָפּ-צוואַרפען דעם לעצטען סולטאַן פון טראָהן מאַכען א סוף אויך צו זיין גייסטיגער הערשאַפט אלס קאַליף פון אַלע מאַכמעדאַנער אין דער וועלט און איינפירען א רעפובליק. זינט דאַן זענען נאָך קיין פולע צעהן יאָהר נישט אַריבער. דאָך האָט ער בעוויזען אָנהויבענדיג מיט אָפּשאַפען דעם האַ-רעם דעם שלייער אויף פרויען אין גאַס, פיל-ווייבעריי און די רעכטלאָ-זיקייט פון די פרויען, און האַלט שוין ביי א אינדוסטריעלער בעניי-אונג און קאָמערציעלער אויפלעבונג פון זיין מדינה, וואָס האָט זיך געמאַטערט אונ-טער א רעזשים פון פוילענצעריי און כאַבאַר.

די היינטיגע טערקישע פרוי — אויב זי געהערט צום פערמעגליכען קלאַס — שטעהט נאָך אַלץ אויף שפּעט. נאָר אָנשטאָט זעס, וואָס אַמאָל פלעגט זי אָפּשטופּען דעם טאָג אין האַרעם, שטאָפּען זיך מיט נאַשעריי, ווערען גיך פעט און אַלט, פוצענדיג זיך פאַר איהר הער און געביטער, איז זי איצט א פרייער מענש. ווי די פרוי אין אייראָפּאַ. זי איז איצט געבילדעט ווי איהר שוועסטער פון צעהן יאָהר צו-ריק. זי קליידעט זיך אַזוי מאָדערן ווי די פרוי פון די פאָרטגעשריטענסטע לענדער. ביי דעם מאַן איז זי די איינ-ציגע ווייב.

אויב דער מאַן איז איהר נישט גע-טריי, קען זי קריגען אין געריכט אַ גט מיט אַלימענטען, אָנשטאָט דעם, וואָס אַמאָל האָט א טערק געקענט פשוט אַרויסטרייבען זיין ווייב, ערקלע-רענדיג פאַר צוויי עדות, אַז זי גע-פעלט איהם מעהר נישט.

אַמאָל פלעגט די בילדונג פון א יונ-גל אָנהויבען זיך צו 10 יאָהר. די ערציהער זענען געווען פאַנאַטישע גייסטליכע, וואָס פלעגען לערנען נישט מעהר ווי דעם קוראַן.

איצט איז די שול-עלטער פון 7 יאָהר אָן. די ערציהונג ליגט אין די הענד פון ציווילע לערער. אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג.

דאָס איצטיגע שול-סיסטעם מיהט זיך צו געבען דער טערקישער יוגענד אַנ'ערציהונג. וואָס זאָל זיי צו צופּאַ-סען צו לעבען אין דער ציוויליזירטער צייט.

די פערוואָרפענסטע דערפער אפילו האָבען איצט ראַדיאָס. די פויערים פון די אָפּגעלעגענסטע דערפער קענען הערען ראַדיאָ-פּראָגראַמען פון דער הויפּט-שטאָט אַנגאָראַ. דער פאָנאָגראַף איז אויך שטאַרק פּאָפּולער.

קעמאַל גיט אַכטונג, אַז די שטייע-רען זאָלען נישט זיין צו שווער פאַר דער באַפעלקערונג און דאָס געלד פון דער פאָלקס-קאַסע זאָל נוצען ברענגען אַלע איינוואוינער. די פּאָר אַלטע באַהן-ליניעס, וואָס האָבען אַמאָל געהערט צו אויסלענדער, האָט די רעגירונג איבערגענומען. זי בויט צו נייע צוויי-גען. בעספּערט אויס די ליניעס, כדי צו באַדינען וואָס א גרעסערען שטח פון טערקיי. אויסערדעם האַלט מען אין איין בויען וועגען, וואָס זאָלען געבען די פויערים אַ מעגליכקייט צו פיהרען זייערע דאָרפישע פּראָדוקטען אויף די מאַרק און צו די פּאָר-טען.

אַלס רעזולטאַט פון דער נייער אָר-דנונג אין די פויערים איצט פיל בעסער, ווי אין די צייטען פון סול-טאַנען. געשעפטען האָבען אויפגע-לעבט און אויך אין די שטעט איז די אָרימקייט נישט אַזוי דריקענד, ווי אַמאָל. דערצו איז דער טערקישער בירגער נישט אונטערוואָרפען אונטער דער הערשאַפט פון די סולטאַנישע כאַבאַרניקעס. ווי אַמאָל. ביי קעמאַל'ן געהען נישט די אַמאָליגע פוילע שטיק. אַלע באַאַמטע, אָנהויבענדיג פון פּרע-זידענט מיניסטאָרען און פאַרלאַמענט-דעפּוטאַטען ענדיגענדיג מיט די קליי-נע אָרטיגע באַאַמטע און אָרדנונגס-היטער, מוזען דינען געוויסענהאַפט דער רעפּובליק און איהרע איינוואוי-נער.

פּאָרמעל האָבען טערקישע פרויען שטים-רעכט נאָר אין לאָקאַלע וואַהלען זיי פערנעהמען אַלערליי אַמטען. אפי-לו ריכטער-שטעלעס, אָבער וואַהלען פּאַרלאַמענט-מיטגלידער קענען זיי נאָך נישט. מען ריכט זיך אָבער, אַז אויך די דאָזיגע בעגרענעצונג איז אַ צייט-ווייליגע. ווייל דער „גאַזי" וויל אויס-וואָרצלען אַלע מעגליכקייטען פון פרויען און מענער אין זיין מדי-נה.

מען דערצעהלט וועגען זיינעם אַנ-אויפטו:

אַ פרוי פון זיינעם אַ מיניסטער האָט געהאַט איינגעפיהרט פערווייליגונגען פאַר איהרע חבר'טעס, צו וועלכע זי פלעגט אַפילו איהר מאַן נישט איינלאַדען. האָט קעמאַל פּאַשאַ גענומען איינמאָל זיין גאַנצען קאַבינעט און צו אַזאַ פערווייליגונג געקומען. אומגעבעטען. ער האָט דעם מיניסטער'ס ווייב גוט אויסגע'מוסר'ט, און דערמיט געמאַכט א סוף צום אַלטען איינפיהר פון בע-זונדערע פערווייליגונגען. איצט קומט שוין נישט פאָר א פערווייליגונג אין טערקיי, וואו מענער און פרויען זאָלען נישט פערברענגען אינאיינעם, ווי גליי-כע מענשען.

פּראָגרעסיווע טערקען האָבען נאָר איין זאָרג: קעמאַל פּאַשאַ זאָל לאַנג לעבען. די טערקען, זאָגען זיי, זענען א פאָלגעדיגע פאָלק. דער „גאַזי" קען מיט זיי טון, וואָס ער וויל. אַלע רע-פאָרמען. וואָס ער וועט איינפיהרען וועלען רעספּעקטירט ווערען. די נייע אָרדנונג האַלט זיך אָבער הויפּטזעכ-ליך מיט דעם כח פון איין מענשען דעם פאָלקס-זיגער קעמאַל פּאַשאַ.

—:§:—

דער נייער צאָל-טאַריף

רעגירונג וועט בעקעמפען די טענדענץ פון די קאַרטעלען צו העכערן די פּרייזן

אינטערוויו מיט'ן וויצע-פּרעמיער זאַוואַדזקי

דער וויצע-פּרעמיער זאַוואַדזקי האָט געגעבען אַ אינטערוויו דער פּרעסע אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן בעשלוס פון מיניסטעריום-ראַט איינצופיהרען אַ נייעם צאָל-טאַריף.

דער וויצע פּרעמיער האָט צווישען אַנדערן געזאָגט אַט וואָס:

די אַרבייט איבערן נייעם צאָל-טאַריף, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צום פּויליש ווירטשאַפטליכען לעבען, וואָס איז נאָך אָנגעהויבען געוואָרען מיט 7 יאָהר צוריק, איז געווען אַ מלוכה-נויטווענדיגקייט. ביז איצט האָבען מיר זיך בענוצט מיט אַ פּראָוויזאָרישען צאָל-טאַריף, וואָס האָט זיך געשטיצט אויפ'ן רוסישען צאָל-געזעץ פון 1903, וואָס האָט ממילא נישט ענטשפּראָכען אַנדערע הייַנטיגע ווירטשאַפטליכע בעדערפעניסען.

דער נייער צאָל-טאַריף דאַרף פאַרזיכערן די מעגליכקייט פון דער ווירטשאַפטליכער ענטוויקלונג פון פּוילען. ער שטיצט זיך אויף די ביז איצטיגע ערפאַהרונגען פון דער ווירטשאַפט אין לאַנד און אויף די רעלאַטיווע בעדערפעניסען פון דער לאַנד-ווירטשאַפט און דער אינדוסטריע.

דער נייער צאָל-פּראָיעקט ענטהאַלט ביז 5000 צאָל-סטאַוקעס, בעת ביז איצט זענען נאָר געווען 1800. אַזוי אַרום נעמט ער אַרום די וויכטיגסטע צווייגען פון דער פּראָדוקציע.

דער נייער צאָל-טאַריף איז געבויט לויט'ן מוסטער פון צאָל-טאַריף, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען דורך אַ ספּעציעלען קאָמיטעט פון זאַכקענער אין גענף, וואָס זאָל אין דער צוקונפט זיין פאַרפליכטענד פאַר אַלע מלוכות פון דער וועלט.

אַ נייעס אין איצטיגען צאָל-טאַריף איז דאָס, וואָס ער ענטהאַלט 2 מינים פון צאָל סטאַוקעס, איין מין פאַר סחורות וואָס קומען פון לענדער, מיט וועלכע פּוילען האָט געשלאָסען האַנדעלס אָפּמאַכען און איינע פאַר סחורות פון לענדער מיט וועלכע פּוילען שטעהט נישט אין האַנדעלס-בעציהונגען. פאַר די לעצטע וועט דער צאָל פאַרשטעהט זיך זיין אַ העכערער.

בכלל וועט איצט דער צאָל זיין אַ העכערער ווי פריהער. מחמת איצט זענען די מלוכות צווישען זיך ענג ווירטשאַפטליך צוזאַמענגעבונדען און איין מלוכה קען נישט פיהרען קיין ליבעראַלע צאָל-פּאָליטיק, בעת די אַנדערע פיהרען אַ פּראָטעקציאָנע סיסטעם, דאָס הייסט אָבער נישט, אַז די פּוילישע רעגירונג האַלט זיך ביים שטאַנדפּונקט פון פּראָטעקציאָניזם. אלא וואָס דען, די רעגירונג האַלט, אַז אָפּשאַפען די צאָל-באַריערען קען נישט זיין קיין אַקט פון איין מלוכה, נאָר דאָס מוז געשעהען דורך אַ אינטערנאַציאָנאַלער פאַרשטענדיגונג.

צוליב די שטאַרק ענטוויקעלטע קאַרטעליזירונגס-שטרעבונגען איז צו רעכנען זיך נאָכ'ן ענדערן דעם צאָל מיט אַ העכערונג פון די פּרייזען, אָבער דאָס וועט די רעגירונג דורכאויס בעקעמפען. רעסטגליבען וועט די רעגירונג ווייטער געבען צאָל-הנחות, כדי צו ענטוויקלען דעם עקספּאָרט.

דער נייער צאָל-טאַריף וועט אַריין אין קראַפט ערשט אין אַ יאָהר אַרום נאָך דער פאַרעפענטליכונג פון דער פאַראָרדנונג, כדי מעגליך צו מאַכען צוצופּאַסען די האַנדעלס-קאָנווענצען צו דעם געענדערטען צאָל-אַפּאַראַט.

—:§:—

שטעלט זיך פאַר אַלס אינזשיניער און נאַרט אויס 200 זל.

(§) אין קאַלע, נישט ווייט פון קאָבאָגיבקע, געפינט זיך דאָס קריסטליכע יתומים-הויז „נגיאַזדאָ".

די טעג איז דאָרט געקומען אַ עלעגאַנט געקליידעטער הער און, פאַרשטעלענדיג זיך אַלס אינזשיניער באַלעבלאַוו מאַרקעוויטש פון לאָדז, האָט ער די פערוואַלטערין דערציילט: מיט אַ צייט צוריק איז איהם געשטאָרבען די פרוי איבערלאָזענדיג אַ 4 יעהריג מיידעלע. היות ער דאַרף איצט אַוועקפאָהרען קיין אויסלאַנד, און הערענדיג, אַז דאָס יתומים-הויז איז איינגעאָרדענט לויט'ן אייראָפּעאישען שטייגער, על כן וויל ער דאָס קינד אַריינגעבען אין יתומים-הויז.

די פערוואַלטערין האָט דערצו מסכים געווען און ס'איז אָפּגערעדט געוואָרען, אַז צומאָרגענס וועט ער דאָס קינד ברענגען.

שמועסענדיג אַזוי האָט דער „אינזשיניער" געגעבען אָנצוהערען די פערוואַלטערין, אַז ס'איז שוין די העכסטע צייט, אַז דאָס יתומים-הויז זאָל זיך פערזאָרגען מיט קויהלען אויפ'ן ווינטער און דערביי ערקלערט, אַז ער קען צושטעלען אַ 100 קערץ קויהלען צו 4 זל. אַ קערץ.

די פערוואַלטערין, גלויבענדיג כשר דעם „אינזשיניער", האָט איהם געגעבען אַ קאַנטאַ 200 זל. ווען ס'איז אָבער אַוועק אַ פּאָר טעג און דער „אינזשיניער" האָט זיך נישט געוויזען, האָט זי פערשטאַנען, אַז זי איז געפאַלען אַ קרבן פון אַ געשיקטען אַפעריסט. זי האָט צוזאַמען געטהון דער פּאָליציי, וועלכע האָט לויט דער שילדערונג פון דער פערוואַלטערין פעסטגעשטעלט, אַז דער „אינזשיניער" איז נישט קיין אַנדערער, ווי איינער פון די פּאָפּולערסטע אַפעריסטען, וועלכע איז דער פּאָליציי זעהר גוט בעקאַנט. ער ווערט איצט געזוכט.

געזעגענט זיך מיט דער כלה און זיך אויפגעהאַנגען

אַרבייטסלאָזיגקייט האָט איהם געטריבען אין די אַרעמס פון טויט

(§) די איינוואוינער פון קאָנטנאַ 4 האָבען געפונען אויף די הויז-טרעפּען געהאַנגען דעם 20 יעהריגען לעאָן פּושאַזאַווסקי.

ווי ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, איז נאָך אַ צייט צוריק דער זעלבסט-מערדער געוואָרען אַ חתן פאַר ערושאַ ראָדע און די חתונה האָט געזאָלט די טעג פאָרקומען. לעצטענס האָט אָבער פּושאַזשאַווסקי פערלוירען דעם פּאָסטען און, נישט זעהענדיג קיין אויסוועג, האָט ער זיך געלאָזט בייטאָג געזעגענט מיט דער כלה און איהר ערקלערט, אַז ער פאָהרט אַוועק זוכען אַרבייט און באַלד דערנאָך זיך אויפגעהאַנגען.

—§—

סכסוך אין טריקאָטאַזש-אינדוסטריע זאָל היינט פערענדיגט ווערען

איינגאַנצען שטרייקען דריי הונדערט אַרבייטער

(§) אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן שטרייק אין דער טריקאָטאַזש אינדוסטריע ערקלערט דער אַרבייטס אינספּעקטאָר, אַז דער שטרייק אין דער קליינער, מיטעלער און גרויס אינדוסטריע דויערט ווייטער, אָבער אין די גרויסע פאַבריקען שטרייקען איינגאַנצען 15 אַרבייטער. סך הכל אַרום און אַרום שטרייקען 320 אַרבייטער.

די גרויס אינדוסטריעלער פיהרען נים קיין שום אונטערהאַנדלונגען. דאַגעגען די קליינע פאַבריקאַנטען האָבען זיך נעכטען געווענדעט צום אַרבייטס אינספּעקטאָר מיט אַ בריוו, אַז צווישען זיי און די אַרבייטער איז געקומען צו אַ פערשטענדיגונג און צוליב דעם בעטען זיי, אַז עס זאָל צונויפגערופען ווערען אַ בשיתופית'ע קאָנפערענץ.

די קאָנפערענץ וועט היינט פאָרקומען.

מלחמה צווישען יונה פּילצערס פּלאַץ און גרינעם מאַרק

צוליב אַ אויטאָ מיט טרושקאַוועס

(§) די דורכגעהער אויפ'ן גרינעם מאַרק זענען געווען עדות פון אַ אויסטערלישען פאַל צווישען 2 יודישע פרוכטען-סוחרים.

אַרום אַנ'אויטאָבוס פול אָנגעלאָדענט מיט טרושקאַוועס, איז אַרומגעהאַנגען אַ חברה קליינוואַרג און אונטער דער אָנפיהרונג פון אַ עלטערן מענש, האָבען זיי אַראָפּגעוואָרפען פון אויטאָ די קויבערלעך מיט טרושקאַוועס, וועלכע זענען צונויפגעכאַפּט געוואָרען דורך די דורכגייער. ווען דער אינהאַבער פון די טרושקאַוועס, אברהם שלאַמיאַק פון אַפּאַטובעק האָט דערצו נישט דערלאָזט, איז ער אַזוי שטאַרק צושלאָגען געוואָרען, אַז ער איז געפאַלען אין חלשות, בעגיסענדיג זיך מיט בלוט.

ערשט די אָנגעקומענע פּאָליציי האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם „גראַבעזש" און אַלעמען אָפּגעפיהרט אין קאָמיסאַריאַט, וואו עס איז צונויפגעשטעלט געוואָרען אַ פּראָטאָקאָל.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען איז די מעשה אַזוי געווען:

צווישען די סוחרים פון גרינעם מאַרק און יונה פּילצער'ס פּלאַץ פיהרט זיך שוין אַ לענגערע צייט אַ שטילע „מלחמה". יעדערער פון זיי וויל האָבען די אויבערהאַנד איבער די פרוכטען, וואָס ווערען אַריינגעפיהרט קיין לאָדז.

דער בעפאַלענער שלאַמיאַק האָט אַנ'אָפּמאַך צוצושטעלען דאָס אויבס אויף יונה פּילצער'ס פּלאַץ. קומענדיג אויפ'ן גרינעם מאַרק, וואו ער האָט פון אויטאָ גים אויסצולאָדענען אַנדערע סחורות, האָט איהם אַרומגערינגעלט דער „מאָנעבער" פון גרינעם מאַרק און פאַר דער חוצפּה, וואָס שלאַמיאַק האָט איהם נישט געוואָלט פערקויפען די טרושקאַוועס, האָט ער איהם כמעט מקים פּסק געווען.

13-יעריגער „גלאָבטראָטער" מאַכט אַ רייזע אַרום דער וועלט

(§) מיט איניגע טעג צוריק האָבען די עלטערן פון 13 יעהריגען מיטשיס לאָוו פּאַדשאַרלאַ געמעלדען דער פּאָליציי, אַז זייער זוהן איז אַוועקגעקומען, נישט איבערלאָזענדיג נאָך זיך קיין שום שפּורען.

נעכטען האָבען די עלטערן בעקומען אַ בריוו פון זייער זוהן. דער קליינער „רייזענדער" שרייבט, אַז ער מאַכט איצט צופוס אַ רייזע אַרום דער וועלט, ער האָפט, אַז ביז ווינטער וועט ער זיך דערשלאָגען צו אַ וואַרים לאַנד וואו עס זענען נישטאָ קיין פראָסט.

—:§:—

שענדעט אַ קבר צוליב קאָנקורענץ

(§) זונטאָג איז אויפ'ן עוואַנגעלישען בית עלמין אויף ווזשנער גאַס פאָרגעקומען די קבורה פון הוגאָ קאַנט'ס פרוי. דער לעצטער האָט דעם בעגרעבער פון בעצאַהלט, אַז ער זאָל דאָס קבר בעצירען מיט בלומען. נעכטען, בעת דער גרעבער איז צוגעקומען צום קבר, האָט ער דערזעהן, אַז דאָס קבר איז אויסגעגראָבען און די טרומנע שטעהט פון דרויסען.

דער גרעבער האָט געמעלדען דער פּאָליציי און אַט וואָס ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרען: דער צווייטער גרעבער, עדוואַרד רעטקע, האָט זיך מתקנא געווען, הלמאי זיין חבר האָט אַזוי גוט פערדינט און איהם געאַרגערט דערפון געוואָלט אַראָפּגעבען, דאָס ער צוריק אויפגעגראָבען דאָס קבר. רעטקע איז אַרעסטירט.

—§—

אויספאָרשונגען וועגען די שרפות פיהרט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע

(א) צוליב דעם, וואָס עס האָבען זיך אין שטאָט פערמעהרט די שרפות, האָט די פּראָקוראַטור בעשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, אין וועלכע עס נעהמען אַריין פאַכמענער, וועלכע וועלען אַדורכפיהרען אַ עקספּערטיזע אויף די ערטער פון די שרפות, צי מען האָט נישט צו טאָן מיט אינטערעסירונגען.

צוגעגנב'עט דאָס גאַנצע פערמעגענס ביי אַ פּראָווינצער סוחר'ל

(א) אויף דער אויטאָבוסען סטאַציע וואָילטשאַנסקא 232, האָט מען ביים סוחר יצחק ראַוויראַוויטש פון פּיאָטרקאָוו צוגעגנב'עט אַ וואַליזקע מיט סחורה פאַר 600 זל. פאַר קרענקונג איז ער געפאַלען אין חלשות. פּאָגאָטאָוויע האָט איהם אין אַ אָפּגעשוואַכטען צושטאַנד אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

טעאַטער און קונסט

פון „סקאַלאַ"

היינט צום 5-טען מאָל „ראַספּוטין" מיט בערטאַ גערסטען. פּרייזען ביליג.

פון דער ווילנער טרופּע

היינט צום 5-טען מאָל „אָנקעל מאָזעס" מיט זיגמונד טורקאָוו צו פּאָפּולערע פּרייזען.

אין פילהאַרמאָניע

מירים קאַראַלאָווא טרעט היינט אויף צום לעצטען מאָל אין „מלכה'לע".

סימפאָנישער קאָנצערט אין העלענאָוו

מאָרגען, דאָנערשטאָג 8.30 אָוונט קומט פאָר אין העלענאָוו דער ערשטער אין איצטיגען סעזאָן סימפאָנישער קאָנצערט אונטער דער לייטונג פון בעקאַנטען דיריגענט פּיעטרושקאַ.

אין פּראָגראַם ווע מצוו. אנר. געשפּילט ווערען די סימפאָניע ג-מאָל פון קאַלינינקאָוו און „פּרעלודיום" פון ליסט.

ספּאָרט

„בר-כוכבא" — „ווידזעוו" 0:2 (0:1)

זונטאָג איז פאָרגעקומען אויפ'ן טורן פּלאַץ פון „ווידזעוו" אַ פריינדשאַפטס מעטש צווישען דער א-קלאַסיגער „ווידזעוו" מאַנשאַפט מיט דער צ-קלאַסיגער „בר-כוכבא". ביידע מאַנשאַפטען זענען אַרויסגעטרעטען אין בעסטען צוזאַמענשטעל. דאָס שפּיל איז געשטאַנען אויף אַ הויכען ניוואָ. די טויערן פאַר „בר-כוכבא" האָבען געשאָסען: סאַבאַטשעק ר. און צאָלאַ.

—:§:—

יודישער בלעכער אָפּגעבריהט מיט סמאָלע

(§) ביים שמירען דעם דאַך אויף פּאָלודניאָווא 47 האָט זיך דער 60-יעהריגער מערמעלשטיין אָפּגעבריהט מיט אַ וואַרעמע סמאָלע דאָס פּנים.

גנבה

(§) פון לעאָן ווינאַרסקי'ס וואוינונג שרודמיעסקא 86 האָבען גנבים נעכטען אַרויסגעגנב'עט וועש און מלבושים פאַר 5000 זל.

טעאַטער „סקאַלאַ" שרודמיעסקא 15.

גאַסטשפּיל פון וועלטבערימטער קינסטל. שטערן פון ניו-יאָרקער קונסט-טעאַטער

בערטאַ גערסטען

מיט דעם אָנטייל פון דער בערימטער אַרטיסטין קלאַראַ סעגאַלאָוויטש

פּרייזן פּאָפּולערע פון 50 גר. ביז 2 זל.

היינט מיטוואָך, דעם 13-טען יולי 9 אזייגער אָוונט צום 6-טען מאָל

„ראַספּוטין"

בינע-רעפּאָרטאַזש אין 6 בילדער מיט פּראָלאָג - פון גראַף אַל. טאָלסטאָי און שטשעגאָלעוו

רעזשיסירט, איבערגעזעצט און ביי-אינסצעניזירט: מאַרק אַרנשטיין.

ראָלען — צאַריצע - בערטאַ גערסטען, ווירובאָוואַ - קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, ראַספּוטין - ש. לאַנדוי, פּירשט יוסיפּאָוו - ח. בוזגאַן, שטיורמער - ל. שריפּטזעצער, פּראָטאָפּאָפּאָוו - י. סטרוגאַטש, צאַר מיקאָליי - נ. מעלניק, סימיאַנאָוויטש - ש. בליאַכער, באַרסקאַ-פישער ר. שילער, ד. ראָזענבלום און אַנדערע.

אין IV בילד: ציגיינער קאַבאַרעט אין וועלכען ס'בעטייליגט זיך אַ אָריגינעלער ציגיינער-טאַבאָר פון סאָליסטן און טענצער

קינסטל. לייטונג: מאַרק אַרנשטיין. געהילפס-רעזשיסער: ק. גוטמאַן. אַדמיניסטר. לייטונג: ב. אסם

בילעטען אויף אַלע פאָרשטעלונגען אין קאַסע פון „סקאַלאַ" פון 11—1 און 5-9 אָוונט און שבת אַ גאַנצען טאָג

בעמערקונג: דאָס טעאַטער איז פערזען מיט די בעסטע ווענטילאַטאָרן און ס'איז זעהר קיהל.

ליבע אין קייטען

גרויסער סענסאַציאָנעלער ראָמאַן פון דער נאָהנטער פערגאַנגענהייט

(28-טע פאָרטזעצונג)

וואָס זאָגסטו, אָרים קינד, ווען מיר זאָלען דיך נאָך היינט דאָרט איינאָרדנען?

נאַטירליך מוזט איהר, פרוי דיבעל, זיין מיט איהר, ווייל אַלס קראַנקע מוז זי האָבען אַ זאָרגפעלטיגע אויפזיכט.

— איך בין צו אַלץ גרייט, אויב עס האַנדעלט זיך וועגען אויסהיילען אונזער גוטע רעגינאַ.

— נו, הייס איך איינשפּאַנען און איהר וועט אהינפאָהרען מיט רעגינאַ'ן. מאָרגען וועל איך אהינשיקען אַ דאָקטאָר, וואָס וועט נאָכאַמאָל אונטערזוכען מיין אָרים קינד. איהר וועט אַזוי גוט זיין און אַכטונג געבען, אַז אַלע פאַרשריפטען פון דאָקטאָר זאָלען אָפּגעהיטען ווערען.

רעגינאַ האָט גלייך פערשטאַנען, אַז מען וויל מאַכען מיט איהר עפּעס שרעקליכעס.

פּאַמעלעך, אַ שטילע האָט זי זיך אויפגעהויבען פון אָרט און קוקענדיג שאַרף דעם פאָטער אין די אויגען אַריין האָט זי געזאָגט:

— איז דאָס אייער פּלאַן? איהר ווילט מיך פערשרייען אַלס משוגע'נע? די ווילע אין ביסטרא-טאַל דאַרף פערוואַנדעלט ווערען אין אַ משוגעים-הויז? איך ערקלער אייך אַז איך וועל דאָרט נישט געהן, איך וועל בלייבען אין [illegible] כדי צו מיינע פריינד.

— רעג זיך נישט אויף, טייער קינד, יעדע אויפרעגונג איז פאַר דיר שעדליך.

— איך בין נישט קראַנק און דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט פאַר'ן רעיענט, קען איך צו יעדער צייט איבער'חזר'ן. איך ליי נישט אויפ'ן קאָפּ. כאָטש עס וואָלט גאַרנישט געווען קיין וואונדער, ווען איך וואָלט משוגע געוואָרען צווישען אַזעלכע, ווי איהר. איך וועל אייך נישט טון דאָס פערגעניגען, איהר זאָלט מיך פערשרייבען אַלס משוגע. איך ערקלער אייך, אַז מיט קיין שום קראַפט וועט איהר מיך נישט צווינגען דערצו, אַז איך זאָל פאָהרען אין היינטיגען אין ביסטרא טאַל.

— אַזעלכע פּאַציענטען, ווי דו, פרעגט מען נישט, צי זיי ווילען יאָ, אָדער נישט — האָט סולקאָווסקי אויסגעשריען. — מאַדאַם דיבעל, זייט גרייט, איך הייס גלייך איינשפּאַנען!

ער האָט אַ קלונג געטון.

ער האָט געגעבען אַ בעפעהל דעם דינער, אַז ער זאָל ברענגען צופיהרען אַ קאַרעטע מיט צוויי פערד. און ווען מען האָט איהם באַלד מיטגעטיילט, אַז די קאַרעטע וואַרט, איז מאַדאַם דיבעל אַריינגעקומען אָנ'אָנגעטוענע, האַלטענדיג אין דער האַנט רעגינאַ'ס פּאַלטאָ און קאַפּעלוש.

— זיי געזונד, מיין קינד, — האָט דער פאָטער געזאָגט מיט אַ ריהרענד קול. — זאָל דער גוטער גאָט דיך וואָס שנעלער ברענגען צום געזונד.

— פאָטער! — האָט רעגינאַ אויסגערופען — גענוג מיט דער קאָמעדיע. דו ווילסט מיך צווינגען אויסצופיהרען דיינע פּלענער. אָבער איך וויל נישט בלייבען צוזאַמען מיט אַט דער פרוי, איך האָב מורא פאַר איהר. קוק אָן דאָס קאַלטע פּנים און דו קענסט דערפון אַראָפּלעזען די שרעקליכסטע זאַכען.

— פיהרט זי אַרויס, — האָט סולקאָווסקי זיך געווענדעט צו דער פראַנצויזין — און איהר, העט ליובאַר, קענט דאָך איהר צוהעלפען.

די פראַנצויזין און ליובאַר זענען צוגעגאַנגען צו רעגינאַ'ן, אָבער זי איז שנעל צוגעשפּרונגען צום פענסטער און אָנכאַפּענדיג עס מיט ציטערענדיגע הענד, האָט זי אויסגעשריען:

— הילף! הילף! מ'וויל מיך אוועקפיהרען אין אַ משוגעים-הויז. קומט, מענשען, און העלפט מיר!

דיבעל איז פלינק צו צו איהר און זי אָנגעכאַפּט. — רעגינאַ האָט זיך פערטיידיגט און ביידע זענען אומגעפאַלען.

— טראָגט זי אַרויס! — האָט סולקאָווסקי בעפוילען און ליובאַר האָט עס גלייך געטון.

ער האָט רעגינאַ'ן געכאַפּט אין זיינע ביינערדיגע הענט און דיבעל האָט איהר פערשטעלט דאָס מויל, זי זאָל נישט שרייען און אַזוי האָט מען זי אַראָפּגעטראָגען אונטען אין אַ פערמאַכטער קאַרעטע.

קוים איז די קאַרעטע אָפּגעפאָהרען אַ שטיקעל וועג, האָט מאַדאַם דיבעל אַרויסגענומען אַ קליינעם רעוואָלווער און אויסשטרעקענדיג די לופע צו דער אומגליקליכער'ס שטערן, האָט זי זיך צולאַכט מיט אַ טייוולאָניש געלעכטער.

— איין געשריי, און אַ קויל וועט דיר דורכלעכערן דעם מוח. דו ווייסט, אַז איך האַלט מיין וואָרט. דו ביזט אין מיין מאַכט און איך וועל זעהן, צי דו וועסט דיך איצט נישט לאָזען בויגען. איך שווער דיר, אַז איך וועל אָנווענדען אַלע מיטלען דיך צו צווינגען חתונה צו האָבען מיט ליובאַר'ן. איך ווייס, אַז דו וועסט זיין גליקליך מיט איהם כאָטש איך וויל נישט דו זאָלסט זיין גליקליך.

דו האָסט שטענדיג געקוקט אויף מיר פון אויבען-אַראָפּ, ווייל דו האָסט געוואוסט, אַז איך בין דיין פאָטערס געליבטע. אָבער איצט וועלען מיר זעהען, ווער פון אונז וועט בעסער העכער. היט דיך, מיך אַריינצוברענגען אין צאָרן, ווייל איך בעזיץ גענוג כח דיך צו אונטערדריקען.

די אומגליקליכע האָט פשוט נישט געקענט ענטפערן. זי האָט געוואוסט, אַז די דאָזיגע פרוי וועט זיך בעמיהען, אַז זי זאָל קיינמאָל נישט זיין פריי און גליקליך.

אָבער רעגינאַ האָט געהאַט אַ טרייסט. אַז דאָס הויז וועל אין ביסטרא-טאַל ליגט ענטקעגען די בערג, אויף וועלכער עס געפינט זיך איהר טייערער אַלבערט.

זיצענדיג נעבען פענסטער, וועט זי זיך אָנקוקען אין די בערג און וועט טראַכטען פון איהם.

קאַפּיטעל 13.

דאָס געהיימניש פון אַנ'אַלטער וואַליזקע

שוין לאַנג איז די נאַכט געלעגען אויסגעשפּרייט אויף דעם ביסטרא-טאַל. די איינוואוינער פון דאָרטען זענען שוין לאַנג געשלאָפען.

אויפ'ן הימעל האָבען זיך געפינען שטערן. אַ קאַלטער, הערבסטיגער ווינט האָט געראַוושט איבער די וועגען. די שויבען האָבען געבראָזט אין די פענסטער און אַ רעגען איז פּאַמעלעך געפאַלען.

(פאָרטזעצונג קומט)

Lodzer Tageblat № 162 לאָדזשער טאָגעבלאַט

פאָליציי-פֿערפאָלגונגען פֿון „השומר הצעיר" אין סלאָוואַקיי

פּראָג (יט"א) דער פֿיהרער פֿון „השומר הצעיר" אין טשעכאָסלאָוואַקיי יחיאל גרינבערג האָט אויף דער ציוניסטישער קאָנפֿערענץ, וואָס איז איצט אָבגעהאַלטען געוואָרען, מיטגעטיילט וועגען אָפטע פּאָליציי-שיקאַנען לגבי דעם השומר הצעיר אין סלאָוואַקיי. די השולר-צענטראַלע אין זשילינאַ איז געשלאָסען געוואָרען. די פּאָליציי האָט אויך דורכגעפֿיהרט רעוויזיעס אין אַ ריי אָפּטיילונגען פֿון השומר הצעיר. די ציוניסטישע קאָנפֿערענץ האָט וועגען דעם ענין אָנגענומען אַן ענטשפּרעכענדע פּראָטעסט-רעזאָלוציע.

דיסציפּלינאַר-שטראָפֿען פֿאַר די שולדיגע אין פֿערפֿיינֿיגען בראָנשטיינ'ען

בוקאַרעסט, (יט"א) דער אונטער-שטאַטס-סעקרעטאַר טילעא האָט אויפֿגענומען דעם בוקאַרעסטער יט"א-פֿאָרשטעהער און האָט אַרומגערעדט די לעצטע געשעהענישען, וועלכע זענען געגען די יודען און רומעניען. מיניסטער טילעא האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז „דאָס זיינען שטאַרקע אָקצענטירטע געוויסע פּראָוואָקאַציעס און אונבערעכענטע אינצידענטען דורך דער יודישער וועלט-פּרעסע דינט נישט די יודישע אינטערעסען און נישט די אינטערעסען פֿון דער רומענישער מלוכה". די דאָזיגע באַמערקונג בעציהט זיך נישט אָבער אויף דעם יודענ-פֿאַל, וואָס מוז ווי אַמשאַרפֿסטע פֿעראורטיילט ווערען. די רעגירונג וועט מיט דער גאַנצער ענערגיע אַרויסטרעטען געגען אַנטיסעמיטישע אויסשרייטונגען פֿון יעדען אַרט. די נאַציאָנאַל-צאַראַניסטישע פּאַרטיי, וועלכע בעטייליגט זיך איצט אין דער רעגירונג, האָט אַלעמאָל זיך בעמיהט צו בעקעמפֿען די אַנטיסעמיטישע שטרעמונגען און די בריטע מאַסען.

ווי דער יט"א-פֿאָרשטעהער דערוויסט זיך, זענען אונאָבהענגיג פֿון דער געריכטליכער אויספֿאָרשונג, אָנגעווענדעט געוואָרען שאַרפֿע דיסציפּלינאַר שטראָפֿען לגבי די שולדיגע אין פּייניגען שמשון בראָנשטיינ'ען. קאַפּ. פּאַניסאַדראַ איז נאָכ'ן אָבזיצען 30 טעג אין אַרעסט אַריבערגעטראָגען געוואָרען און אַן'אונסטרוקציאָנס באַטאַליאָן און אַ ווייטער געגענד, וואו די דינסט איז זעהר שווער. אויך איינינגע זשאַנדאַרמען זענען דיסציפּלינאַר בעשטראָפֿט געוואָרען.

די א"י-רעגירונג שטיצט דעם פּרינציפּ פֿון בעשעפֿטיגען ביי עפֿענטליכע אַרבייטען 1/3 יודען

ירושלים (יט"א) בעת דער דיסקוסיע אין חיפה'ער שטאָט-ראַט וועגען בעשעפֿטיגען יודען ביי עפֿענטליכע אַרבייטען, האָט דער ווייצע-דיסטריקט-קאָמיסאַר, מר. ז., אונטערגעשטראָכען, אַז די רעגירונג שטיצט אין גאַנצען לאַנד דעם פּרינציפּ צו בעשעפֿטיגען ביי עפֿענטליכע אַרבייטען איין דריטעל יודען. די רעגירונג וועט זיך בעמיהען דורכצופֿיהרען דעם דאָזיגען פּרינציפּ.

דער חיפה'ער שטאָט-ראַט האָט, ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט, נישט גענומען אין אַכט די שטעלונג פֿון דער רעגירונג.

רחמנות ביי חיות

אַ קאָבילע, פֿון וועלכער מען האָט צוגענומען דאָס לאָשיקעל, זויגט אָן אַ קעלבעל, וואָס איז געבליבען אַ „יתום".

היי - שניט

לעטנישטשקעס פּאָרען זיך אויף דרר".

פֿון מיטוואָך, דעם 13-טען ד. ח. אויז ווייטערדיגע טעג

„זיין קריינע"

ווערט געגעבען אַ הערליכער ראָמאַנס אויפֿ'ן ב.:

מיט JANET GAYNOR i WARNE BAXTER

איינאיינציג קלאַנג-קינא אין גאַרטען
שענקעוויטשאַ 40, טעל. 141-22

ניייער פֿאַהר-פּלאַן אויף די באַהנען

צוגען וואָס געהן אָפּ פֿון לאָדזשער פֿאַבריקס-באַהן קיין קאָלושקי

5.25 מיט פֿערבינדונג קיין וואַרשאַ און טאָמאַשאָוו.
7.25 מיט אַ פֿערבינדונג קיין וואַרשאַ, טאָמאַשאָוו און פּראַג.
8.33 (זונטאָג און חגאות פֿון 22-טען מאי ביז'ן 11. סעפּטעמבער).
9.35 (זונטאָג און חגאות פֿון 22-טען מאי ביז'ן 11. סעפּטעמבער).
10.45 מיט פֿערבינדונג אויף וואַרשאַ.
13.05 פֿערבינדונג וואַרשאַ—טאָמאַשאָוו.
14.00 פֿערבינדונג וואַרשאַ—טאָמאַשאָוו.
14.50 קיין סקאַזשיסק איבער גאַלקובעק, סלאָמווין.
15.40 פֿערבינדונג וואַרשאַ-טאָמאַשאָוו
16.20 פֿערבינדונג וואַרשאַ-טאָמאַשאָוו.
16.55 פֿערבינדונג וואַרשאַ—קאַטאָוויץ.
18.00 פֿערבינדונג וואַרשאַ-קראָקאָ.
19.20 דירעקטער צוג קיין וואַרשאַ.
19.45 פֿערבינדונג ראַדזוואַדאָוו—לעמבערג
20.30 נאָר אין אַרבייטס-טעג.
21.15 פֿערבינדונג אויף וואַרשאַ.
22.30 דירעקטע וואַגאָנעס קיין קריניץ.

צוגען וואָס קומען אָן אויף דער פֿאַבריקס-באַהן פֿון ...

0.48 פֿערבינדונג מיט ... וואַרשאַ.
5.08 פֿערבינדונג פֿון קאַטאָוויץ
6.10 נאָר אין אַרבייטס-טעג.
7.00 פֿערבינדונג פֿון קראָקאָ ... וואַגאָנעס פֿון קריניץ
7.30 נאָר אין אַרבייטס-טעג.
7.50 נאָר אין אַרבייטס-טעג.
8.12 לויט דער נוימינקייט, פֿערבינדונג פֿון קראָקאָ.
9.46 פֿערבינדונג פֿון וואַרשאַ, טאָמאַשאָוו, טשענסטאָכאָוו.
12.45 פֿערבינדונג פֿון וואַרשאַ, טאָמאַשאָוו, טשענסטאָכאָוו, קאַטאָוויץ
16.00 פֿון וואַרשאַ דירעקט.
17.15 פֿערבינדונג פֿון וואַרשאַ.
20.10 פֿערבינדונג פֿון וואַרשאַ, טאָמאַשאָוו, קראָקאָ.
21.25 אין אַרבייטס-טעג.
22.00 אין אַרבייטס-טעג.
22.35 דירעקט פֿון סקאַזשיסק איבער סלאָמווין, גאַלגובעק.
23.18 פֿערבינדונג מיט טאָמאַשאָוו, קאַטאָוויץ, קראָקאָ.
8.05 געהען אָפּ קיין אַנדזשעיעוו.
8.59 קומען פֿון אַנדזשעיעוו.

צוגען וואָס געהען אָפּ פֿון קאַלישער באַהן-הויף

קיין וואַרשאַ 4.32, 7.28, 12.33, 17.54.
קיין גלאָוונאָ 10.15.
קיין לאָוויטש 15.35, 20.05.
קיין קראָטאָשין 2.10 פֿערבינדונג מיט פּויזן.
קיין לאָסק (נאָר זונטאָג און חגאות) 8.30, 13.40.
קיין אָסטראָוו 9.35 (פֿערבינדונג מיט בערלין) 15.30, 19.35.
קיין פּויזען 21.07, 15.20, 22.00 (פֿערבינדונג מיט בערלין) 1.25 (איבער קוטנאָ) 9.00, 13.00 21.00.
קיין טשענסטאָכאָוו (דורך זד. וועליט, הערבי) 18.00.
קיין קאָלושקי 0.53 (פֿערבינדונג מיט טשאַרנאַ-בושעק, ראַדזוואַדאָוו). 8.05 (פֿערבינדונג קיין טאָמאַשאָוו). 20.06 (דירעקטע וואַגאָנעס קיין לעמבערג און סקאַרזשיסק).
קיין דאַנציג און גדיניע 1.25, 9.00, 13.00, 15.20, 21.20 (דירעקטער קיין גדיניע).
קיין טשעכאָטשינעק 13.00 (דירעקט).
קיין פּלאָצק 21.20.

קיין קוטנאָ 1.25, 9.00, 13.00, 15.20, 21.20.

צוגען וואָס קומען אָן אויפֿ'ן קאַלישער באַהן-הויף

פֿון קוטנאָ 5.00, 7.55, 12.33, 19.58, 22.58.
פֿון גדיניע און דאַנציג 5.00, 7.55 (דירעקט), 19.58.
פֿון בידגאָשטש 5.00, 7.55, 12.35, 9.58, 22.30.
פֿון וואַרשאַ 9.23, 11.53, 21.40, 1.57.
פֿון לאָוויטש 7.25, 19.05.
פֿון גלאָוונאָ 7.25, 11.53, 14.59, 19.05, 21.48, 1.57.
פֿון פּויזען 4.20, 7.18, 12.24, 19.20, 0.45.
פֿון בערלין 7.18, 19.40.
פֿון קראָקאָ און קאַטאָוויץ 4.13, 18.40.
פֿון לעמבערג דורך סקאַרזשיסק דירעקט 8.52.
פֿון טשענסטאָכאָוו דורך ווזשאַ-וועליטש 19.12.

אַגענטען-(קעס)
מיט קויציע פֿון 10-20 זל. ווערען געזוכט צום פֿערקויפֿען זעהר גאַנגבאַרע אַרטיקלען, וואָס ווערען גערן געקויפֿט אין יעדען הויז גוטע פֿערדינסטען ערפֿאַהרען 11 ליסטאָפּאַד 11 פּראָצענט 1. שטאַק וואוינונג 5.

איך האָב פֿערלירען 8 פּראָצ. קופּאָנעס פֿון לאָדזשער קרעדיט געזעלשאַפֿט. עס זענען געמאַכט געוואָרען אַלע בעוואָרענישען אין קרעדיט געז. און אויסצאָרשונגס-אַמט און זיי האָבען פֿאַר קיינעם קיין ווערט נישט. דער ערליכער פֿינדער ווערט געבעטען, געגען בעלוינונג, אָפּצוגעבען אין אַדמיניסטראַציע פֿון „ל. ט." פֿאַר „B".

וואַרשאַווער צושניידער
זוכט אַ פּאָסטען צו קאָנפֿעקציאָן ווי אויך די בעסטע בעשטעלונגען דערוויטען זיך פּעפּער גאַס 9 פּראָנט אין געוועלב.

Dr. HALTRECHT
ספּעצ. פֿאַר הויט און געשלעכטס-קראַנקהייטען
פּיעטריקאָווער 10, טעל. 21-245
נעמט אָן פֿון 8—11 פֿריה און פֿון 5 ביז 9 אָוו. זונטאָג פֿון 10 ביז 1 בייטאָג.

אַ וואוינונג
פֿון 2 צימערן מיט אַ קוד איבערצוגעבען
אַלעע 1-טער מאַי 23, וואוינונג 24.

קאַלערטע און ווייסע דאַמען-וועש
ROBOTA RĘCZNA—האַנד-אַרבייט
נעמט אָן צו שטיקען און נייען מיט אייגענע ווי אויך אָנפֿערטרויטע וואַרע ווי Petite-reine Crêpe-de-Chine א.ז.וו. אַלעס לויט פּאַריזער און ווינער זשורנאַל. זאַוואַדזקאַ 27 בלייווייס.
ספּעציאַליסטין פּיושאַמעס—PYJAME

פֿון דער סדרה
ס'איז ערשינען דאָס 9-טע העפֿט „פֿון דער סדרה" וועלכעס נעמט אַרום די סדרות נשא, בהעלותך, שלח, קורח, חקת, בלק, פּנחס. דערמיט האָט זיך זאַמלונג פֿון אינטערעסאַנטען אָריגינעלע תורה-ווערטער פֿערענדיגט. די 9 העפֿטען נעמען אַרום אַלע סדרות פֿון חמשה חמשי תורה. מען קאָן זיי אויך בעקומען אַלע צוזאַמען אין אַ שעהנעם איינבאַנד.
פּ. ז. גליקסמאַן לאָדז, זאַוואַדזקאַ 16א
טעלעפֿאָן 164-47.

דער שליסעל צום ערפֿאָלג איז אַן'אַנאָנס אין „לאָדזשער טאָגעבלאַט".

מאָרגען, דאָנערשטאָג, דעם 14. יולי 8.30 אָוונט
וואַרשאַווער גרויסער
סימפֿאָנישער קאָנצערט
אין פּראָגראַם: קאַלינניקאָוו-סימפֿאָניע

PARK HELENÓW

פֿאַרזיכטיג!
ג' דאַמען און מענער!
דער קריזיס דריקט פֿון אַלע זייטען אַזוי, אַז יעדער גראָשען שפּילט אַ גרויסע ראָלע. אין צו שטאַנד קאָן מען דאָך נישט געהן, דעריבער רעקאָמענדיר איך אייך, מיינע ג' דאַמען און מענער, אַז צו דעם צוועק האָב איך צוגעגרייט אַ גרויסען אויסוואַהל פֿון די נייעסטע פֿאַסאָנען און מאָדערנסטע קאָלירען
דאַמען און מענער היטען
צו זעהר ביליגע פּרייזען. גלייכצייטיג ווערט אויך אָנגענומען צו איבערפֿאַסאָנירן דאַמען- און מענער-היטען פֿון גאָר אַלט אויף גענצליך ניי אין אַלעס צו ביליגע פּרייזען.
געדענקט די אַדרעסען:
פּערדער, זגערזשער 7
לוטאָמירסקאַ 2 ז. גרושער 20

געגען שווייס פֿיס!
געגען אָרציסקעס! נוצט נור דעם שוין זייט 25 יאָר בעוואוסטען פּראָשעק און פּלאַסטער „ראַדיקאַל". פּרייז 30 גר. אַ שאַכטעל מיט אַ זופּל 50 גר. היט אייך פֿאַר פֿאַלשע נאָכמאַכונגען, וועלכע ברענגען קיין נוצען. נאָר שאָרען די פֿיס און אייער געזונד, אויך פֿלין „ראַדיקאַל" געגען-וואַנצען, גאַראַנטירט אויף אַ גאַנצען זומער פּרייז פֿון אַ פֿלעשעל 70 גר. אַלס צו בעקומען ביים ציימונגס-פֿערקויפֿער וועלנאַרזש. אַלט-שטאַדט 1, אויך ביים ציימונגס-פֿערקויפֿער פּנחס וועל, נאַרזש, פּיעטריקאָווער 34. (רוג צעגעלניאַנאַ). 2997

שרייבען שעהן און שנעל
לערנט אויס דער בעריהמטער קאַליגראַף ב. בערמאַן אין 15 לעקציעס, אויך ווערט אויסגעלערנט גוט שרייבען אַ יודישען בריף אין 15 טעג, אפֿילו דעם וואָס קען גאָרניט. די עלטער שפּילט קיין ראָלע ניט.
זאַוואַדזקאַ 19 ש. פּר

Lekarz-Dentysta
S. WATNICKA
נאַרוטאָוויטשאַ 49, טעל. 125-48.
נעמט אָן פֿון 10-1 פֿאַרמ. און פֿון 7-8½ נאָכמ.

קויפֿט נור פֿון די 1-טע קוועלע
גרויסער אויסוואַהל

שפּאַציר-וואָגענס אייזען - ניקעל בעטען
מאַטראַצען ספּרענזשינאָווע „Patent".
וויזימאַטשקעס אַמעריקאַנער
צו בעקומען אין פֿאַבריקס-לאַגער
אין הויף „DOBROPOL" Łódź, Piotrkowska 73

Księgowość zaprowadza
ליהרט אין ערלעדיגט אַלערליי בוכהאַלטעריע-אַרבייטען
פֿאַר אַ קליינעם אָנצאָהל — ביוראָ „פּאַליוס" אָפּטיילונג פֿאַר בוכהאַלטעריע עצות
לאָדז, פּיעטריקאָווער 82 טעל. 184-39

לאַנג-יעהריגער געריכטס-סעקרעטאַר
שרייבט און ערלעדיגט אַלערליי בקשות, אַנקלאַגעס און קלאָגן, עס ספּעציאַליסט אין מיליטער-ענינים ווי אויך אין שרייבען בקשות פֿאַר איינציגע שפּייזערם (אָפּיעקאַנסטווע). שנעלער אויסקויף פֿון פּאַטענטען און רעגיסטראַציע-קאַרטען אויפֿ'ן יאָהר 1932
ב. מאָז. פּעטריקאָווער 10

דאָס עלעקטראָטעכנישע ביוראָ
Siła i Światło
פֿון וו. קרוקאָווסקי
פּאָלודניאָוואַ 23 טעלעפֿאָן 139-32
נעמט אָן דורכצופֿירען אינסטאַלאַציעס פֿון ליכט און קראַפֿט, קויפֿט און פֿערקויפֿט מאָטאָרען און ערלעדיגט אַלע אַרט עלעקטרישע איינריכטונגען אויף לייכטע בעדינגונגען.
ביליג, רעעל, שנעל און פּינקטליך!

אַבאָנאַמענטס-פּרייז: פֿאַר 3 חדשים פֿון פּוילען 5 זלאָטיס, אין פֿראַנקרייך און בעלגיען—20 פֿראַנק, אין אַנדערע לענדער 1.25 ... אַנאָנסען-פּרייז: פֿאַר אויסלענדישע אַנאָנסען 100% טייערער, אויסער דער טעקסט ... פֿאַר אַ מיליטעטער-שורה פֿאָר'ן טעקסט 36 גר. פּרייסען 24 גר. ... פֿון די פּרייזען ווערט נישט ... קיין ראַבאַט ...

Drukarnia Br. i M. Hamburskich, Łódź, Piotrkowska 16. Dzierżawca: ...

Odpowiedzialny Red.-wydawca: